STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01405

ABA SHTOLTSENBERG

A. Tabachnick

*Permanent preservation of this book was made possible
by Harry D. Young
in memory of
Samuel & Sarah Young*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אבא שטאָלצענבערג

אבא שטאָלצענבערג

1905—1941

א. טאַבאַטשניק

אבא

שטאָלצענבערג

Copyright 1951 *by*
A. TABACHNICK
New York, N. Y.

אַרויסגעגעבן מיט דער הילף פון חברים

ניו־יאָרק 1951

שער־בלאַט געצייכנט פון י. ליכטענשטיין

Printed in U. S. A. by
SHULSINGER BROTHERS LINOTYPING AND PUBLISHING COMPANY
21 East 4th Street, New York 3, N. Y.

253

אינהאַלט:

עטלעכע ביאָגראַפישע נאָטיצן 7

ביים קבר פון אבא שטאָלצענבערג 9

די ערשטע געדרוקטע לידער 14

שטאָלצענבערג און די יונגע 18

דער דראַמאַטישער עלעמענט אין שטאָלצענבערג׳ס לידער 29

טעכניק און מייסטערשאַפט 35

דאָס האַרץ וואָס גאַרט נאָך שטורם און ווינט 41

דער זומפּ פון נודנע טעג 47

די לעצטע לידער 55

עטלעכע ביאָגראַפישע נאָטיצן

אברהם אבא שטאָלצענבערג, אָדער דאָליאָ, ווי זיין פאַמיליע האָט אים גערופן, איז געבוירן געוואָרן דעם 1טן אָקטאָבער (צווייטן טאָג ראש־השנה), 1905, אין גלינע (גליניאַנאָ), מזרח־גאַליציע. זיין פאָטער בעריש שטאָלצענבערג פלעגט אין דער יוגנט „זאָגן גראַמען", כמעט געווען אַ בדחן. ער פלעגט אויך אָנטייל נעמען אין אַמאַטאָרישע טעאַטער־פאָרשטעלונגען אין שטעטל.

אין דער עלטער פון אַרום 15 יאָר האָט שטאָלצענבערג אינאיינעם מיט זיין פאָטער זיך באַטייליקט אין אַן אויפפירונג פון „הערצעלע מיוחס". ווי זיין פאָטער גיט איבער, האָט אבא געשפּילט די ראָלע פון דעם „ליבהאָבער". אונטער דער ווירקונג פון דער שפּיל האָט ער אין יענער צייט זיך אַליין גענומען פאַרפאַסן אַ דראַמע.

ער האָט געלערנט אין חדר, אין דער באַראָן הירש שול, ביי פּריוואַטע לערער און שפּעטער אין דער גימנאַזיע אין טאַרנאָוו. אַן אָפּקלאַנג פון זיינע שול־יאָרן אין טאַרנאָוו איז פאַראַן אין זיינע לידער: „טאַרנאָוו", „אַהיים אויף ניי־יאָר", „געשיכטע", „קאָמפּאָזיציע און היסטאָריע" און „אַ בריוו צו דער מאַמען".

ער איז געקומען קיין אַמעריקע אין 1923. עטלעכע מאָנאַטן נאָך זיין קומען קיין אַמעריקע האָט ער זיך געטראָפן מיט מאיר שטיקער, וואָס האָט אים אָנגעהייבן צו באַקענען מיט דער נייסטער אידישער ליטעראַטור און אים צוגערעדט צו שרייבן אויף אידיש, אנשטאָט אויף פּויליש. איך האָב זיך מיט אים געטראָפן סוף 1924, ווען ער איז שוין געווען אַ „געדרוקטער" פּאָעט. ער האָט אויף מיר געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק מיט זיין עמפּאַטישן און עקסטאַטישן אופן פון רעדן און אַרויסזאָגן מיינונגען. ער איז דאַן געווען פול מיט אָפּאַטאָשו'ס „פּוילישע וועלדער" און האָט עפּעס מיט אַ באַזונדערער התלהבות געהאַלטן אין איין איבערחזר'ן דעם קאָצקער'ס זאָג, אַז דער „מענטש איז אַ שטינקער".

ווי אַלע „גרינע" האָט שטאָלצענבערג די ערשטע צייט געאַרבעט ביי אַלץ וואָס האָט זיך געמאַכט — פון אַן אויסקערער אין אַ שאָפּ ביז אַ שיק־אינגל אין איינער פון הוירסט'ס צייטונגען אין ניו יאָרק. אין 1928 האָט ער חתונה־געהאַט מיט בלומע ווייבערג. מיט דער הילף פון זיין פרוי'ס משפחה האָט

ער באַקומען אַ שטעלע אין אַ ברוקלינער אָפּטיילונג פון דער „יוניטעד סטייטס" באַנק.

די באַנק האָט אינגיכן געקראַכט און נאָך דעם ווי ער האָט זיך אַ היבשע צייט אַרומגעדרייט אינגאַנצן אָן פּרנסה האָט ער געקראָגן אַרבעט אויף אַ שטאָטישן רעליף־פּראָיעקט אין אַ ברוקלינער פּאַרק. שפּעטער איז ער אַריבער אויף אַ רעליף־פּראָיעקט פון דער פעדעראַלער רעגירונג, וואו ער האָט מיט דער צייט פאַרנומען אַ גאַנץ פאַראַנטוואָרטלעכן אַמט פון אַ מין מליץ־יושר פאַר געקריוודעטע רעליף־אַרבעטער. קורץ פאַרן טויט האָט ער אויסגעהאַלטן אַ ציווילן־דינסט (סיוול סירוויס) עקזאַמען, וואָס וואָלט אים געוועז געגעבן די מעגלעכקייט צו ווערן אַ שטאָט־באַאַמטער, נאָך דער ליקווידירונג פון די רעליף־פּראָיעקטן.

ער האָט דעביוטירט אין דער „יונג־קוזניע" אין 1924. זיך געדרוקט אין „אינזל", „צוקונפט", „אידישע קולטור", „פיילן" און אַנדערע זשורנאַלן. דאָס רוב לידער האָט ער געדרוקט אין דער „צוקונפט". א. ליעסין האָט פון אים שטאַרק געהאַלטן און האָט גערן געדרוקט אַלץ, וואָס ער האָט אים געגעבן. דער ערשטער אָבער אים צו באַמערקן איז געוועז זישא לאנדוי. אויף יענער זייט ים איז דאָס געוועז איציק מאַנגער. ער האָט אינאיינעם מיט מאיר שטיקער, חיים נתן פישערמאַן און א. טאַבאַטשניק אַרויסגעגעבן דעם זשורנאַל „פיילן" (דריי נומערן, 1928—1931).

ער איז געשטאָרבן דעם 28טן פעברואַר, 1941, אין דער קענסער־אָפּטיילונג פון ברוקלינער שטאָט־שפּיטאָל. דעם זעלבן טאָג איז דערשינען זיין בוך „לידער". ער האָט איבערגעלאָזט צוויי קינדער, אַ טאָכטער עטל, וואָס איז שוין איצט פאַרהייראַט און איז אַ פאָרשערין אין ביאָ־פיזיקע אין יעיל אוני־ווערסיטעט, און אַ זון גבריאל (שאַצעלע), וואָס איז איצט 14 יאָר אַלט און ווייזט אַרויס נייגונגען צו מאָלעריי.

שטאָלצענבערג איז באַערדיקט אויף דעם „בית־דוד" בית־עולם אין בעלמאָנט, לאָנג־איילאַנד, וואו די פאַמיליע האָט אַ באַערדיקונג־פּלאַץ. אויף דער מצבה זיינען אויסגעקריצט די דאָזיקע פיר שורות:

עס קומט אַ טאָג, מע כאַפּט זיך אויף,
מע איז שוין מער נישטאָ.
עס בליט אַ בוים, עס שווימט אַ טייך,
ווי פאַר דער ערשטער שעה.

ביים קבר פון אבא שטאַלצענבערג

ניטאָ מער די פלינקע טריט, און ניט דער הייסער אָטעם
פון זיין אינגלשן ליד. איינגעמידט איז ער איינגעשלאָפן
אונטער אַן ערדענער שוועל און דריי שטיינערנע טרעפ.
(די ביימער שאָקלען מיט שנייאיקע קעפ
און דרימלען אין ווייסער חכמה).

ער פילט ניט זיין שלאָף און איז פריי,
ער ווייסט ניט פון אויפשטאַנד און ניט פון רו.
בלאַנקער שלאָף, ליידיקער חלום, אייביקער באַשטאַנד.

שלאָף, שלאָף אין שאָטן פון ווייסער חכמה!
ווען דער פויגל וועט קומען מיטן גאָלדענעם שיין,
וועט ער זינגען אַ ליד אין דיין שלאָף אריין,
אין דיין חלום אריין, און גאָרנישט וועט אין דיר אויפגיין,
און גאָרנישט וועט אין דיר אויפציטערן, און גאָרנישט
וועט אין דיר הערן; דיין ליידיקייט, דיין אייביקייט
וועט גאָרנישט מער שטערן.

א. ט.

***

מיט אבאַ שטאָלצענבערג׳ן האָב איך זיך באַקענט באַלד נאָך דעם ווי ער האָט אָפּגעדרוקט זיינע ערשטע לידער. פון דעמאָלט אָן זיינען מיר געווען נאָענטע חברים און אין זיין בוך איז כמעט ניטאָ קיין איין ליד, וואָס ער זאָל עס מיר ניט האָבן געלייענט, ווער ווייסט וויפל מאָל, איידער ער האָט עס געדרוקט. און ניט נאָר ווען דאָס ליד איז שוין געווען פאַרטיק, נאָר בעת ער האָט עס נאָך געהאַלטן אין שרייבן. איך האָב געוואוסט פון יעדער ענדערונג פון אַ וואָרט, פון אַ פּערז, פון אַ סטראָפע. איך קאָן דעריבער מיט רעכט זאָגן, אַז איך בין געשטאַנען ביים געבורט פון שטאָלצענבערג׳ס לידער.

דאָס האָט מיך אַוועקגעשטעלט אין אַ צו נאָענטער פּאָזיציע צו זיינע לידער און פאַר אַ קריטישער אָפּשאַצונג איז דאָס ווייט ניט שטענדיק גוט. די נאָענטקייט צו איינצלנע לידער און צום פּראָצעס ווי זיי זיינען געשאַפן געוואָרן שטערט אָפט צו קאָנען כאַפּן זייער אַלגעמיינעם זין, זייער שייכות און געמיינזאַמען ווערט. עס איז אָפט שווער צו קענען זיך שאַפן אַ בילד וועגן דעם אינעווייניקסטן מהות פון אַ דיכטער, פון די כוחות, וואָס ווירקן אויף אים און אין אים, ווען מען קאָן זיינע לידער אַזוי גוט ווי איך האָב געקאָנט שטאָלצענבערג׳ס לידער. עס פעלט די פרישקייט פון ערשטן איינ־דרוק, דער מאָמענט פון נייקייט און איבעראַשונג, וואָס סטימולירט דעם קריטישן געדאַנק. ווען מען איז מיט איינעמס טעקסטן אַזוי צונויפגעוואַקסן ווי מיט אייגענע פעלט צומאָל די דיסטאַנץ און פּערספּעקטיוו, וואָס זיינען נויטיק צו קאָנען אָביעקטיוו־קריטיש אָפּשאַצן אַ קונסט־ווערק.

איך האָב זיך דעריבער אָפּגעהאַלטן פון שרייבן וועגן שטאָלצענבערג׳ן, כאָטש מען האָט עס פון מיר פאַרלאַנגט און מיר אפילו פירגעהאַלטן הלמאי איך שרייב ניט. איך האָב אָבער געוואוסט, אַז איך ווייס צופיל וועגן שטאָל־צענבערג׳ן און זיינע לידער, אַז איך זאָל קאָנען אין זיי עפּעס אַנטדעקן, אָדער אַנטפּלעקן.

צען יאָר נאָכן טויט פון אַ דיכטער, אַ נאָענטן חבר, איז אָבער אַ דאַטע וואָס מען קאָן ניט פאַרבייגיין. איידער איך האָב זיך גענומען שרייבן וועגן שטאָלצענבערג׳ן האָב איך נאַטירלעך פונסניי איבערגעלייענט אַלע זיינע לי־דער. אין די צען יאָר פון נאָך זיין טויט, בין איך זיך מודה, האָב איך זיין בוך כמעט ווי ניט געעפנט. עס איז פאַר מיר געווען אַ פיינלעכע זאַך צו לייענען אין בוך די לידער, וואָס ער אליין האָט פאַר מיר אַזויפיל מאָל גע־לייענט. און מען האָט געדאַרפט אים הערן אליין לייענען זיינע זאַכן צו פאַר־שטיין, וואָס איך מיין.

דורך דער צייט האָב איך זיך נאַטירלעך אַביסל דערווייטערט פון די לידער. און ווען איך האָב איצט נאָך אַן איבערררייס פון וואָסערע 10 יאָר זיי ווידער גענומען לייענען, האָב איך פונדאָסניי דערשפירט זייער טעם און דער־פילט זייער ווערט. עס איז פאַר מיר געווען אַ פאַרגעניגן צו זען ווי פריש זיי זיינען נאָך, ווי קינסטלעריש לעבעדיק. היינט, ווי דעמאָלט, ווען איך האָב זיי געלייענט, אָדער ריכטיקער געהערט, צום ערשטן מאָל, בין איך

פאַרכאַפּט געוואָרן פון זייער תּוכ׳יקער בילדלעכקייט, פון זייער יוגנטלעך־שאַרפער זינלעכקייט, פון זייער יאָדערדיקייט און אידיאָמאַטישקייט. היינט, ווי אין יענע ווייטע טעג, האָב איך אין די גאָר ערשטע לידער געזען די גרויסע מעגלעכקייטן וואָס דער יונגער דיכטער האָט פאַרמאָגט. נישט מער, איצט האָב איך אפשר בעסער געקאָנט פאַרשטיין די מניעות, וואָס האָבן אים געשטערט צו פאַרווירקלעכן די מעגלעכקייטן אין זייער פולער מאָס.

שטאָלצענבערג האָט אינגאַנצן געשריבן וואָסערע 16 אָדער 17 יאָר און דאָס ווייט ניט רעגלמעסיק, נאָר מיט גרויסע הפסקות. עס איז אמת, אַז דיכטער ביי די אומות־העולם און אפילו ביי אונז, וואָס זיינען אַוועק פון דער וועלט אַזוי יונג ווי שטאָלצענבערג, און אייניקע פון זיי אפשר גאָרנישט קיין גרעסערע טאַלאַנטן ווי ער, האָבן איבערגעלאָזט גרעסערע, דערעיקרשט, גאַנצערע, מער איינהייטלעכע ירושות. שטאָלצנבערג האָט אפילו אין די גרעניצן פון זיין קורצן לעבן געוועזן געקאָנט אויפטאָן מער, ווען די אומשטענדן זאָלן געווען זיין אַנדערע. ער איז אָן ספק געווען דער סאַמע טאַלאַנטפולסטער דיכטער, וואָס האָט זיך באַוויזן אין אַמעריקע אין די אָנהייב צוואָנציקער יאָרן. ניט אומזיסט האָט מען אים אין דער ליטעראַרישער קאַפּע — און גאָרניט אויף קאַטאָוועס — אַ נאָמען געגעבן דער „גאַליציאַנער קיטס״, ווען ער האָט אין דער עלטער פון וואָסערע 20 יאָר אָנגעשריבן זיין ממש פענאָמענאַל ליד „די לבנה״.

וואָס שטאָלצענבערג האָט ניט געזאָלט אָדער געקאָנט אויפטאָן, פאַרשטעלט אָבער ניט דעם ווערט פון זיינע פאַקטישע דערגרייכונגען. גרויס ווי זיינע פּאָטענציעלע מעגלעכקייטן זאָלן ניט געווען זיין, זיינען זיינע אויפטוען געוויכטיק, אַז מען זאָל קאָנען רעדן ניט נאָר וועגן דעם, וואָס ער האָט געקאָנט זיין, נאָר טאַקע וועגן דעם, וואָס ער איז בפועל ממש געווען.

* * *

די ערשטע געדרוקטע לידער

שטאָלצענבערג האָט דעביוטירט אין דעם צווייטן נומער „יונג־קוזניע" (אָקטאָבער, 1924), אַ זשורנאַל וואָס האָט געזאָלט זיין דער אָרגאַן פון דער דאַן אויפקומענדיקער פּראָלעטאַרישער ריכטונג אין דער אַמעריקאַנער אידישער פּאָעזיע. קיין אידעאָלאָגישע שייכות צו דער דאָזיקער ריכטונג האָט שטאָלצענבערג ניט געהאַט*. ער האָט זיך דאַן אַ 19־יאָריק בחור'ל, בכלל קנאָפּ וואָס פּאַנאַנדערגעקליבן אין פּאָליטישע ריכטונגען. נישט מער, דער זשורנאַל איז געווען ניט צו איבערקלייבעריש, האָט גערן געדרוקט אָנפאַנגער, האָט ער זיך אויך געדרוקט.

ער האָט דעביוטירט מיט אַ צאָל גאַנץ היבשע לידער. איינס פון די לידער מיטן נאָמען „אָסיען ווינטן" האָט ער אָנגעשריבן בשותפות מיט מאיר שטיקער'ן. די אַנדערע לידער, אונטער דעם אַלגעמיינעם נאָמען „אַנאַרכאָ־רעוואָ", אָדער „יאַריד־לידער", וואָס איינס פון זיי הייסט דער „היצל", האָט ער אַליין אָנגעשריבן. עס קאָן גריילעך געמאָלט זיין, אַז דער נאָמען „אַנאַר־כאָ־רעוואָ" איז געקומען פון שטיקער'ן, וואָס כאָטש אין איין עלטער מיט שטאָלצענבערג'ן, האָט ער שוין אָבער געוואוסט, וואָס די לעצטע מאָדע איז אין דער פּאָעזיע, און ווי אַזוי מען דאַרף פּרעפּאַרירן און סערווירן אַ ליד, אַז עס זאָל „אַנרייסן". שטיקער אליין האָט אין דעם נומער געהאַט אַ זאַך אין לירישער פּראָזע אונטער דעם לאַטיניזירטן נאָמען „אינטימיא". די זאַך האָט אגב דאַן שטאַרק אויסגענומען.

מיר איז ניט באַקאַנט, צי די „אָסיען ווינטן" און „יאַריד־לידער" זיינען געווען די ערשטע זאַכן, וואָס שטאָלצענבערג האָט אָנגעשריבן אויף אידיש.

---

*) אויך אין דער „אידישער קולטור", וואו ער האָט געדרוקט אַ צאָל פון זיינע לעצטע לידער, איז ער ניט אָנגעקומען צוליב אידעאָלאָגישע טעמים. אין אַ בריוו צו מיר, פון 4טן אויגוסט, 1939, שרייבט ער: „מ'האָט מיך מיט שטיקער'ן איינגעלאַדן צו דרוקן אין 'אידישער קולטור'. כאָטש ס'איז מיר דערווידער, האָב איך אָבער באַשלאָסן, אַז אַן אַלטע מויד טאָר ניט זיין איבערקלייבעריש, אַז נישט וועט זי פאַרזיצן ביז אין די גרויע צעפּ, און מיר האָבן זיי געגעבן עטלעכע לידער. ווען נישט די קאָמוניסטישע שרייבער, וואָלט דער זשורנאַל נישט געווען אַזאַ שלעכטער".

איך ווייס נאָר, אַז איידער ער האָט אָנגעהויבן שרייבן אויף אידיש, האָט ער געפּראָוווט שרייבן אויף פּויליש — אַ שפּראַך, וואָס ער האָט אגב גאַנץ גיש־קשה'דיק געקענט. ער האָט אויך ניט שלעכט געקאָנט אַ פּאָר פּוילישע פּאָעטן און האָט באַזונדערס ליב געהאַט יוליאַן טואווים'ען, וועמעס לידער ער פלעגט אָפט דעקלאַמירן אויף אויסנווייניק. אַ פּאָר פון די לידער האָט ער שפּעטער איבערזעצט אויף אידיש. פון אידישע פּאָעטן האָט ער דאַן צום בעסטן געקאָנט מלך ראַוויטש'ן, אורי צבי גרינבערג'ן און פרץ מאַרקיש'ן. זייער איינפלוס פילט מען אין די לידער מיט וועלכע ער האָט דעביוטירט.

דאָס בשותפות'דיקע ליד „אָסיען ווינטן" האָט אין זיך אַ היבש ביסל אינטערעסאַנטע שורות און איז בכלל אַ שטיקל אויפטו פאַר צוויי נאָך גאָר יונגע דיכטער. דאָס ליד פאַרמאָגט קודם כל שפּראַך. מען זעט, אַז די צוויי יונגע דיכטער פאַרמאָגן פולע מיילער מיט לשון. דאָס ליד איז מאָדערן, ריכטיקער מאָדיש, פאַר יענער צייט. עס איז הפקר'דיק פּעסימיסטיש און גרויליק עקספּרעסיאָניסטיש. בכלל אָבער, דאָרט וואו עס איז ניט קיין דירעק־טער אָפּקלאַנג פון מאַרקיש'עס „קופּע" און גרינבערג'ס „מעפיסטאָ", איז דאָס שיר ניט ווי עפּעס אַן אומיסטנדיקע פאַראָדיע אויף זיי. עס איז אפילו מעגלעך, אַז שטאָלצענבערג און שטיקער האָבן זיך בכיוון געלאָזט וואוילגיין אויפן חשבון פון די כאַליאַסטרע־מליצות, וואָס זיינען דאַן געווען אין דער מאָדע און וואָס האָבן געקאָנט, אויב ניט אויסנעמען, איז לפּחות אָנשרעקן אַ יונגן רעדאַקטאָר פון אַ זשורנאַל פאַר אָנפאַנגער:

> אַ שוואַרצער גלאַנצענדיקער מענטש, וואָס שלעפּט אַרויס פאַרשימלט ברויט
> פון מיסט־קופּע — איז מיין חבר — אַ גאַנצן טאָג ליגט ער אַ צעצויגענער
> און רופט צו מיר: קום אַהער, ווילסט זויגן, בריסטן בעסער פון דיין מאַמעס,
> אומזיסט קריגסטו עסן,
> און איך זיץ אַן איינגעבויגענער אויף דר'ערד און די ציין בייסן זיך
> אין שטיקער עסן — אויסגעפּאַרעטע אויף דער זון —
> צי וואַרט דען אַ שטוב אויף מיינע פיס צעווייטיקטע,
> און אויף די פיס פון שוואַרצן חבר מיינעם, וואָס וועט שטאַרבן אָן אַ מאַמען
> גלייך ווי איך?...

פיל ערנסטער מעג מען שוין נעמען די „יאַריד־לידער", שוין צוליב דעם ערנסט, וואָס איז אין זיי פאַראַן. אין די דאָזיקע לידער זיינען שוין דאָ סימנים פון שטאָלצענבערג'ס טאַלאַנט. פאַראַן אין זיי אַן אָנזאָג אויף זיין שפּעטערדיקער שפּראַכלעכער קערענדיקייט, אויף זיין קאָנען אָנרופן זאַכן ביי

זייערע פשוט'ע ערדישע און דאָך בילדלעכע נעמען. דאָס עיקר'דיקע אין זיי, איז אָבער דאָס פּאַטאָספּולע וועלן אויפקלייבן פון רואינען־מיסט, פון מלחמה־דיקן גרויל און הפקר — שפּורן פון צעטראָטענע לעבנס, פון געשענדעטע זאַכן און זיי אויפהייבן מיט ווײ און געוויין קעגן הימל ווי עדות און אָנקלאָגער פון אומגליק און אכזריות.

מען פילט אין די „יאַריד־לידער" עכטן ווייטיק און אַ פאַרלאַנג פון זיך אַרויסרייסן די פאַרשטאָכענע דערנעדריקע איינדרוקן און איבערלעבונגען פון די מלחמה־יאָרן. אין אַלגעמיין זיינען עס אָבער לידער פון קאַשמאַר, און ניט געקוקט אויף די ערטערווייז־שאַרפע אימאַזשן — פול מיט געדיכטן ווערטער־פלאַנטער. מען האָט געדאַרפט האָבן אַזאַ געניט אויג ווי זישאַ לאַנדוי צו קאָנען דערזען הינטער דעם פלאָנטער און גרויל דעם צוזאָג פון אַ נייעם טאַלאַנט:

לעש אויס דאָס לעצטע פייער!
קוק ניט וואָס דער רויכערדיקער קנויט בעט זיך ביי דיר מיט אַזוינע גסיסה־אויגן,
אַזוינע אויגן זעסטו אַסך!
אַזוינע אויגן וואַשט מען אָף אַ טויטנטיש אין הייל.
קוק אויף די פינגער פון זיינע אויסגעמוטשעטע פיס. —
וויש מיט זייערע ברידער אויס דעם שוויס פון זיי —
דליבע אַפער די בלאָטע, ווערסטו זען —
נישט פינגער זיינען זיי, נאָר מענטשן,
גאַנצע מענטשן מיט אַזוינע טרויעריקע נאַגלקעפּ.

און אַזוינע נאַגלקעפּ קוקן מיט אַזעלכע אויגן,
וואָס־זשע האָסטו מורא? אַ לאַנג, אויסגעהוילט שטעקעלע האָסטו?
קום אַזוי ווי אַ שבת־גוי, אַ היטער פון בית־עולם,
קום אַזוי ווי אַ היצל און שטעל זיך אַנידער אין אויסגעוואַשעטער טיר.

דאָס טישטוך, וואָס האָט געפּוילט אויף פּלייצעס פון טישן,
דאָס טישטוך, וואָס האָט געפּוילט אויף קעפּ פון פּאַסטושקעס,
דאָס איז געוואָרן אַ דערע פאַר פערד —
מיין קאָפּ האָב איך איינגעהילט, ווען מען האָט געשלאָגן אין האַלדז און נאַקן,
און דער האַלדז איז געלעמט געוואָרן.

איצט אָף אַ בינטל צעמאַלן, לייזיקן שטרוי
ליגט מיין דערגייענדיקער גוף,
און דאָס טישטוך טרוקט זיך ביי דער קיך,
איצט גייט אַרויס אַ פּאַרע פונם טישטוך
און שיקט מיר אַ טויטנגרוס...
א. א. ו. א. ה.

ווי מען זאָל היינט ניט קוקן אויף די דאָזיקע שורות, קאָן מען אָבער ניט זאָגן אַז זיי זיינען ניט געווען אין גייסט פון דער צייט, אָדער אַז זיי זיינען געווען ערגער פון די סורעאַליסטישע, אָדער עקספּרעסיאָניסטישע שורות, וואָס עס האָבן דאַן געשריבן יונגע און אפילו עלטערע דיכטער איבער דער גאַנצער וועלט. דאָס איז וויכטיק צו געדענקען, ווארים בנוגע שטאָלצענבערג'ן מאַכט מען אָפט דעם טעות מיט דעם, וואָס מען מיינט אַז ער איז געווען אַ פּאָעטיש למכ׳ל וואָס האָט אָנגעהויבן פון דעם בראשית פון פּאָעזיע...

אַ שריט צו מער קלאָרקייט איז געווען דאָס ליד „אָקסן", וואָס שטאָלצענבערג האָט פאַרעפנטלעכט אין דעם 3־טן נומער „יונג־קוזניע" (יאַנואַר, 1925). דאָס דאָזיקע ליד איז פיל קלערער און ריינער אין אויסדרוק, רעאַליסטישער אין בילד און אימאַזש און כאָטש דער פּאַטאָס איז נאָך אַלץ אַ ווילד־ברויזענדיקער, דער טאָן נאָך אַלץ אַ שרייעוודיקער, הערט זיך אָבער פון דעם ליד קלאָר אַרויס דאָס קול פון עכטער עמאָציאָנעלער ליריק. דאָס ליד פאַרמאָגט אין זיך עפּעס פון ראַוויטש'ן און דערמאָנט אין זיינע הימנען צום שטומען בעל־חי. אגב הייסט טאָקע דאָס ליד „אַ הימן":

אָקסן אויף יאַרידן מיט גרעזנענדיקע טריט —
די לעצטע נאַכט אין שטאַל געווען, די לעצטע נאַכט פון קאָרעטעס געטרונקען.
אַ באַרוויסער שטייט אָנגעגרייט דער טרייבער.

ווער וועט אייך קויפן, אָקסן? ווער אָנטאָן יאָך־שטאַנגען?
ווער פירן צו שחיטה? ווער שטעלן שוואַרצע חופות —
אייך צו וועלכע מען האָט קיינמאָל ניט געפירט אייערע שוועסטער?

מיט צעגליטע זיגלען צייכנט מען אייך, אָקסן,
איר זאָלט זיך ניט פאַרלירן אויף גריבערדיקע וועגן —
דער טרייבער דאַרף אָפּגעבן אייער צאָל!

און אַז מען קלעפּט אָן קוויטלעך און איר רירט זיך פון אָרט —
ריטשען ניט די, וואָס מ'צילט אויף אָף האקן,
און די וועמעס זייטן טרעגער אין יאַטקעס טראָגן.

ווייל יתומים זענט איר און אויפגעכאָוועט אין פרעמדע שטאַלן —
און אייער רעווען אויף מיסטן האָט קיינער ניט פאַרשטאַנען.

אָקסן מיט שוואַרצע קעפּ און מיט אויגן פול צער.
קיין שניי איז איבער אייך ניט געפאַלן מיט ווייסן פאַרדעק,
און קיין קאַלינע איז ניט רויט געוואָרן.
וואוהין זענט איר אַוועק.

איך זאָל זיין דער טרייבער, וואָלט איך געגאַנגען מיט אייך
פון דאָרף צו דאָרף און פון שטאָט צו שטאָט,
און גערעדט מיט אייך אינאיינעם באַנאַכט:
טויט קומט, טויט!
פאַרוואָס זשע אונז פאַר דער צייט?

דאָס זיינען געווען שטאָלצענבערג׳ס ערשטע געדרוקטע לידער. אַז מען קוקט אויף זיי איצט אין רעטראָספּעקט, זעט מען, אַז מער נאָך ווי דיכטערישע רויקייט, קומט אין זיי צום אויסדרוק אַ רויע און כאַאָטישע ווירקלעכקייט. עס איז אין זיי פאַראַן מער האַלוצינאַציע, ווי וויזיע. די האַלוצינאַציעס, די אומלאָגישע, נאָר מיט ווייטיק דורכגענומענע רייד, זיינען אָבער סימפּטאָמאַ־טיש פאַר דער נאָך־מלחמה׳דיקער צייט.

וויפל ליטעראַרישער איינפלוס עס זאָל ניט זיין אין די לידער, איז אָבער אין זיי אויך פאַראַן אַסך, וואָס איז דיקטירט פון פּערזענלעכע איבערלע־בונגען און דירעקטע לעבנס־דערפאַרונגען. וואָס עס פאַרדינט אין די לידער באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט — איז זייער איינשטעל, זייער אַנגעהעריקייט צו דער צייט און צו דער עיקר־טעמע פון יענע טעג. אין די לאַנגע איבער־פלייציקע שורות פילט מען אַ דיכטער, וואָס וויל זאָגן עפּעס תוכ׳יגס, וואָס וויל אַלאַרמירן, וואָס וויל אויפוועקן און אויפרודערן, וואָס וויל וואַרפן בלו־טיקע און צומאָל אויך בלאַטיקע אמת׳ן דער וועלט אין פּנים. ניט געקוקט אויף די אומזיניקייטן און קינדערייען איז אין די לידער פאַראַן אַ פייער, עטי־שער און מאָראַלישער פּאַטאָס.

עס וואָלט דעריבער געווען אינטערעסאַנט צו זען, וואָס שטאָלצענבערג וואָלט געווען דערגרייכט, ווען ער זאָל געווען ווייטער גיין אויף דעם וועג. די לידער וואָלטן מסתמא נאָך אַ לאַנגע צייט געווען ניט געלייטערט אין פאָרם און געשמאַק. ווי כמעט אַלע אידישע דיכטער, וואָס האָבן אָנגעהויבן צו שרייבן נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט שטאָלצענבערג אַרויסגעוויזן אין זיינע ערשטע לידער מער געפיל פאַר דער רעאַליטעט פון זאַכן ווי פאַר קינסטלע־רישע פאָרמען. די רעאַליטעט פון זאַכן מוז אָבער סוף כל סוף פירן אַ דיכטער אויך צו דער רעאַליטעט און עכטקייט פון פאָרם.

שטאָלצענבערג און די „יונגע"

עס האָט אָבער אַזוי פּאַסירט, אַז ווי נאָר שטאָלצענבערג האָט אָנגעהויבן אַריינגיין אין דער ליטעראַרישער קאַפע, איז ער געפעלן געוואָרן די קאַפּריזן

פון די „יונגע" — אייזלאַנד׳ן, לאַנדוי׳ן און מאַני־לייב׳ן. ניט אַזוי די לידער וואָס ער האָט אָפּגעדרוקט אין דער „יונג־קוזניע", ווי ער אליין איז זיי געווען געפעלן. זיי האָבן באַזונדערס אָנגעקוואָלן פון זיין היימישקייט, פון זיין פרישקייט, פון זיין נאַאיווער קלוגשאַפט און פון זיין געשמאַקן און בילדלעכן גאַליציאַנער לשון.

די „יונגע" האָבן אים אויסגעטיילט צווישן די אַנדערע אָנפאַנגער פון יענער צייט און אים צוגעצויגן צו דעם „אינזל", וואָס זיי האָבן דאַן באַניצט, און וואו דעם אויבנאָן האָט ווי פריער געדאַרפט פאַרנעמען דאָס עכטע און דאָס ריינע ליד.

אייזלאַנד איז געוואָרן שטאָלצענבערג׳ס מדריך, זיין „ליטעראַרישער פעטער", ווי ער, שטאָלצענבערג, האָט אים שפּעטער גערופן. מאַני לייב פלעגט זיך פאַרגיין אין התפעלות, אַז, אַך, ווען ער פאַרמאָגט נאָר שטאָלצענבערג׳ס טאַלאַנט, וואָלט ער אויפגעטאָן וואונדער, און לאַנדוי פלעגט אינמיטן דערינען זיך שטאַרק צעזיפצן וואָס ער האָט „שטאָלצענבערג׳ן שוין אפשר דריי טעג ניט געזען".

דאָס איז דאַן געווען אַ גרויסער כבוד פאַר א יונגן אידישן דיכטער אין אַמעריקע. ניט יעדער איינער האָט געהאַט די זכיה, אַז די ליטעראַרישע מיוחסים און מפונקנים, די עסטעטן פאַר עקסעלאַנס, זאָלן זיך אפילו ווענדן אויף אים אומקוקן, שוין אָפּגערעדט פון ווענדן אים מקרב זיין און אפילו זיין גרייט אים צו דרוקן אין זייער עקסקלוזיוון זשורנאַל.

ס׳איז קיין ספק ניט, אַז די „יונגע" האָבן שטאָלצענבערג׳ן פיל געהאָלפן אין דער אויסלייטערונג פון זיין געשמאַק. באַזונדערס האָט אייזלאַנד אים אַסך גוטס געטאָן. ער האָט אים געלערנט ווי צו זיין אָפּגעהיטער און קאַרגער אויפן וואָרט, ריינער און עסטעטישער אין אויסדרוק. ער פלעגט אָפּזיצן שעה׳ן מיט שטאָלצענבערג׳ן און מיט אים איינקנעלן דעם ענין ליד, אים געבן צו פאַרשטיין זיין „טעאָריע פון חושים", געבן צו פאַרשטיין ווי וויכטיק עס איז אַז דער אימאַזש, אָדער בילד זאָל זיין געבויט אויף דירעקטער זינלעכער דערפאַרונג. ער האָט אים געוואָרנט, אַז עס איז בעסער צו זיין נאַאיוו און קינדיש אין ליד, אויב מען איז עס באמת און בתמימות, איידער פאַרקנייטשן דעם שטערן און אויסטראַכטן „טיפזיניקע", קאָסמישע מליצות. און אוודאי און אוודאי האָט ער אים געוואָרנט קעגן געשריי און אומעסטעטישקייט.

שטאָלצענבערג איז אין דעם פּרט געווען אַ גוטער תּלמיד. באַזונדערס איז אים ניט שווער אָנגעקומען צו כאַפּן די „טעאָריע פון חושים" און פון פּאָעטישער נאַאיוויטעט. דער חסרון איז נאָר געווען, וואָס אייזלאַנד האָט ניט נאָר איינגעקנעלט מיט שטאָלצענבערג׳ן פּאָעטישע טעאָריע, נאָר האָט אויך צוגעלייגט אַ גאַנץ שטרענגע רעדאַקטאָרישע האַנט צו זיינע לידער.

אייזלאַנד וואָס איז געווען דער פּאַקטישער רעדאַקטאָר פון „אינזל" פלעגט פּשוט מאַכן אַן אָפּעראַציע אויף די לידער, וואָס שטאָלצענבערג פלעגט אים די ערשטע צייט ברענגען. אמת, די אָפּעראַציע פלעגט געמאַכט ווערן מיט דער האַנט פון אַ גֶעניטן ליטעראַרישן כירורג. אייזלאַנד פלעגט אַרומשניידן, וואָס ער האָט גערופן דאָס „ווילד־פלייש". די צרה איז נאָר, וואָס נאָך דער אָפּעראַציע פלעגט ווינציק בלייבן פון דעם דיכטער פון די „יאַריד־לידער". עס האָט ניט איינמאָל געטראָפן, ווי שטאָלצענבערג האָט מיר שפּעטער דער־ציילט, אַז ער פלעגט ברענגען אַ לאַנג ליד, כּמעט אַ גאַנצע פּאָעמע און אייז־לאַנד פלעגט פון דעם אַרויסנעמען פאַר דעם „אינזל" ניט מער ווי אַ פּאָר סטראָפן.

עס איז קיין צווייפל ניט, אַז אייזלאַנד האָט געוואוסט, וואָס ער טוט — אַז פון אַן אַבסאָלוטן קינסטלערישן שטאַנדפּונקט האָבן מער ווי די פּאָר סטראָפן ניט פאַרדינט געדרוקט צו ווערן. ווי מיר שיינט אָבער איצט, איז פון אַ „פּעדאַגאָגישן" שטאַנדפּונקט, אויב מען קאָן זיך אַזוי אויסדריקן, ניט גע־ווען איינגאַנצן גוט דאָס איינשליסן אים אין די ראַמען פון בלויז די גוטע זינלעך־באַטעמטע שורות. עס וואָלט אפשר גלייכער געווען, ווען מען זאָל געווען האָבן אַן אויג ניט אַזוי פאַר די דרוקבאַרע שורות, ווי פאַר שטאָל־צענבערג׳ס געפיל־וועלט, פאַר דעם גייסט פון דער צייט, פאַר די נוצן וואָס ער האָט געקאָנט האָבן פון צוגעוואוינען זיך צו אַרבעטן אויף גרויסע ליי־ווענטן און דערעיקרשט פאַר די עמאָציאָנעלע און אידייאישע אימפּליקאַציעס פון זיין רייסן זיך אויסצודריקן אַ וועלט פון חורבן און גרויל.

אייזלאַנד׳ס „אָפּעראַציעס" האָבן גורם געווען, אַז שטאָלצענבערג האָט אָנגעהויבן אויסצולאָזן פון זיינע לידער דאָס ציטלעכע, דאָס אַקטועלע, דאָס גרויליקע און עקספּרעסיאָניסטישע. עס איז ניט אַזוי געווען אַ פראַגע פון איינפלוס, — וואָרים אין עצם גענומען איז שטאָלצענבערג קיינמאָל ניט געווען קיין נאָכפאָלגער פון די „יונגע, — ווי פון וועלן צוטרעפן דעם געשמאַק פון די „יונגע", ווי פון וועלן אויסנעמען ביי זיי.

אַנשטאָט צו שרייבן לידער געבויט אויף די דערפאַרונגען פון דער לעצ־טער צייט, האָט ער אָנגעהויבן צו שרייבן לידער געבויט אויף איבערלעבונגען און דערמאָנונגען פון די גאָר פריסטע יאָרן. אַנשטאָט צו וואַרטן אַז אייזלאַנד זאָל אים צערייסן אַ ליד — אַ פּערטל, אָדער ווינציקער פון אַ פּערטל נעמען צום דרוק און דאָס רעשט אים צוריקגעבן — האָט שטאָלצענבערג לכתחילה אָנגעהויבן אויפצושרייבן בלויז אַ פּערטל פון אַ ליד.

עס איז גריילעך מעגלעך, אַז די פראַגמענטאַרישקייט, וואָס איז קענטיק אין שטאָלצענבערג׳ס לידער, איז אַ רעזולטאַט פון יענער „אינזל״־עפּאָכע. די דערפאַרונג, אַז מען קאָן אויסנעמען מיט אַ שטיקל ליד, האָט ביי אים פּשוט אָפּגענומען דעם ווילן און דאָס געדולד אויסצוטראָגן אַ ליד. ער פלעגט אַריינפּאַלן אין קאַפע אַ פלאַטערדיקער, אַ צעפלאַמטער און איינעם, אָדער אַ צווייטן חבר אריינזשומען אין אויער עטלעכע, באמת גרויסאַרטיקע שורות, און לאָזן וויסן, אַז דאָס איז דער אָנהייב, אָדער דער אינמיטן פון אַ לאַנגער פּאָעמע, וואָס ער שרייבט איצט.

פון דער דאָזיקער „פּאָעמע״ פלעגט אָבער בלייבן ניט מער ווי די צען אָדער צוואַנציק שורות, וואָס האָבן געזאָלט זיין איר אָנהייב, אָדער איר אינ־מיטן. אַזוי, למשל, איז דאָס ליד „דער בייזער ווינטער״ (ז. 23) ניט מער ווי אַ פראַגמענט פון אַ גרעסערער פּאָעמע, וואָס ער האָט געזאָלט אָנשרייבן, אַזוי אויך דאָס ליד „פראָסט און בראַנפן״ (ז. 25) און אפילו די באַלאַדע „פרץ מערדער״ (ז. 32), וואָס זעט אויס ווי אַ גאַנץ און פאַרענדיקט ליד, האָט אין דער אמת׳ן, לויט דעם אָריגינעלן פּלאַן, געזאָלט זיין ניט מער ווי אַ מין לירישע אינטערמעצאָ אין אַ גרעסערער עפּישער פּאָעמע וועגן אַ באַנדע גזלנים. אפילו די לידער „יונגע אוקראַינער״ (ז. 27) און „באָלשעוויקן״ (ז. 31), וואָס באַהאַנדלען בלויז איין באַשטימטן מאָמענט און קאָנען דערפאַר גילטן ווי גאַנצע לידער, האָבן אין דער אמת׳ן געזאָלט זיין בלויז שטעלן אין דער דאָזיקער עפּישער פּאָעמע פון נאָך־מלחמה׳דיקן גאַליציע, וואָס שטאָלצענבערג האָט געוואָלט אָנשרייבן.

ווי דאָס זאָל אָבער ניט זיין, איז אַ פאַקט, אַז די פאַרמעסטן אויף לענ־גערע פּאָעמען פון אַן עפּישן כאַראַקטער האָט שטאָלצענבערג פאַרביטן און אפשר קאָן מען זאָגן אויסגעביטן, אויף קורצע לירישע לידער פון אַ לייכטערן, אויב אפילו פון אַ מער אָנגענעמענעם כאַראַקטער.

שוין די ערשטע לידער, וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט אין „אינזל", זיינען איינגאַנצן אַנדערש פון די „יאַריד־לידער", כאָטש דער אונטערשיד אין די דרוק־דאַטעס איז געווען ניט מער ווי פון עטלעכע מאָנאַטן. די שורה איז געוואָרן שמעלער, זינגעוודיקער. אַנשטאָט דעם פּאַטעטישן אויסגעשריי, אַנשטאָט וועלן „רעוווען" מיט די אָקסן ‚אַז דער „טויט קומט, דער טויט!" — אַ קער צו שטילערער און מער אינטימער ליריק. פאַראַן אין די ערשטע לידער אין „אינזל" אַ פאַרזוך צו געבן אין שפּילעוודיקע, כמעט לייכטע פערזן, פאַרביקע אימפּרעסיאָניסטישע בילדלעך ווי אין דעם ליד „טאַרנאָוו" מיט די טאָפּלטע גראַמען אין יעדער שורה (אידעלעך מיט פּעק און בערגלייט מיט די העק). שטאָלצענבערג האָט זיך ווי אויפגעהויבן, אָדער אַרונטערגע־לאָזט (עס ווענדט זיך ווי מען קוקט אויף דעם) צו אַ פריערדיקן שיכט אין זיינע איבערלעבונגען — צו די מער אידילישע און יום־טוב׳ידקע מאָמענטן פון זיין קינדהייט ווי אין דעם ליד „אַהיים אויף נייעם יאָר" (ז. 22). דאָס זיינען פרישע און באַטעמטע לידער, וואָס שטאָלצענבערג האָלט וואַרשיינלעך ניט געווען אָנגעשריבן אָן אײזלאַנד׳ס פערזענלכער השפעה. פון דער צוויי־טער זייט איז געוויס אַ שאָד, וואָס דער דיכטער פון די „יאַריד־לידער" און ספּעציעל פון דעם ליד „אָקסן" איז אין „אינזל" אַרומגעשוירן געוואָרן ביז צו אַ לידל פון די דאָזיקע פיר שורות:

פּריצישער שניי, וויסער פלאַך,
דער קוימענקערער קומט ניט פון דאַך.
אין שוואַרצן פּרינץ אַלבערט, אין הויכן צילינדער
קומט ער און טיילט אויס קאַלענדאַרס די קינדער.

צום גליק האָט זיך שטאָלצענבערג ביי דעם ניט אָפּגעשטעלט. שוין אין די וויטערדיקע עטלעכע נומערן פון „אינזל" האָט ער אָפּגעדרוקט אַ צאָל לידער, וואָס האָבן עדות געזאָגט ניט נאָר אויף אַן עכטן און פרישן טאַלאַנט, נאָר אויך אויף אַ דיכטער, וואָס וויל זיך קלאָר מאַכן זיין אינערלעכן מהות.

אמת, ער האָט דאָס געטאָן אויף אַ וואָוילעריש־לאַנדוי׳שן אופן. דאָס האָט אָבער ניט געשטערט, אַז מען זאָל אונטער דער געמאַכטער, אָדער ריכ־טיקער, נאָכגעמאַכטער, וואוילערישקייט פילן ערנסט און אייפער. אין דעם ליד, וואו ער באַרימט זיך אַז ער „קען ניט קיין ענגליש און פראַנצויזיש" (ז. 11) און לאָזט וויסן, אַז ער האָט אַן „עקל פאַר די שפּראַכן" בעת ער ביי

גאָט, אַז ער זאָל אים לאָזן „פאַרשטיין די שפּראַך פון זאַכן" און אַז ער זאָל קאָנען „פאַרשטיין פון אַ פאַרשעמטן די האַלבע טרערן" און קאָנען „אויף ווערטער אויסדריקן דעם ווייטיק פון אינגלעך און פון מיידלעך, וואָס ווערן צייטיק".

אפילו אין די אַרומגעשניטענע און אַרומגעשווירענע לידער האָט ווידער אָנגעהויבן קומען צום אויסדרוק דער הומאַנער פּאַטאָס, וואָס האָט אין אים געברויזט. אין אַ ליד מיטן נאָמען „פון דער פּאָמפּע און פון שטומען וואַסער־טרעגער" (ז. 10) לאָזט ער ווידער הערן, אַז ער וויל „דער וועלט דערמאָנען":

פון דער פּאָמפּע און פון שטומען וואַסערטרעגער,
פון אַפּטייקער, וואָס איז מאָגענליידענד,
פון יאַרידים און פון זאַגראַם־טרעגער,
און פון דבורה קאַטשקעלוויכעס קאַנען
וואָס זיינען בלוטיק באַרשט אין ווינטער,
און פון מאַראַזן דעם גוי פון צווינטער...
— — — — — — — — — — — — — — — —
ס'פליען פעדערן פון אויסגעפליקטע יאָרן,
ס'קאַפּעט בלוט פון אויסגעקראַצטן מולטער,
אַ וואָגן ביינער אויפן כרות איז פאַרפראָרן,
ס'טרערט דער פּאַמעשאַך אַן איבערפולטער.
זוך די אַפּגעגאָלטע האָר, די נעגל וואָס האָבן זיך פאַרלאָרן —
בעסער וואָלט מען נישט געווען געבאָרן...

דאָס איז אינגאַנצן אַנדערש פון דער פּאָעטיק פון די „יונגע" און ווייזט ווי שטאָלצענבערג איז געווען ווייט, אפילו ווען ער האָט זיך געדרוקט אין „אינזל", צו ווערן גלאַט אַן עפּיגאָן פון זיינע מדריכים.

אין די ווייטערדיקע נומערן „אינזל" האָט שטאָלצענבערג אָפּגעדרוקט אַ צאָל לידער, וואָס זיינען געווען מער סטימולירט פון זיינע באַלדיקע איי־בערלעבונגען, ווי פון די זכרונות פון שטעטל. דאָס זיינען געווען קורצע לי־רישע לידער, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט טעמפּעראַמענט און עמאָ־ציאָנעלער געשפּאַנטקייט, ווי דאָס ליד „אויף יאַגד קומט אַרויס קאַמעראַדן", און אַנדערע ,וואָס שוין בלויז פון די ערשטע שורות קאָן מען דערפילן זייער טעם: „כ'האָב ווי אַ סערפּ זיך אָנגעשאַרפט און בין אַרויס אויף שניט", „גאָט האָט מיר געהייסן ברענען מיט אַ פלאַקערדיקן פייער און פון אַלץ וואָס כ'וועל דערקענען — צאָלן טייער", „איך זאָג צום פּאָטער שענק אַוועק די אַנדערע ברידער דיין פאַרמעג, מיר קיין נחלה רעכן ניט צו, אין דיין הויז וועל איך ניט

געפינען קיין רו". די דאָזיקע לידער האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייערע אָריגי־נעלע אימאַזשן („אויף פאַרנאַכטיקע שפּאַצירן רוישן מיר ווי וועלדער"). מיט אַ געפיל פון דיכטערישער אויפוואַכונג, און דעם ווייטיק פון „אינגלעך וואָס הייבן אָן צו ווערן צייטיק", אָבער ניט פון אינגלעך סתם, נאָר אינגלעך פּאָעטן:

ווי אַ פידל אָנגעצויגן,
וואַרט איך גאַרנדיק אויף דער האַנט פון מייסטער,
אויף זייד פון בויגן.
מיט פאַרלאָשענע אויגן,
וואַרט איך ווי אַ פינצטערער וואַלד.
צינד מיך אָן פון אַלע ברעגן,
נעם מיך ווי אַ מיידל מיט געוואַלט
איך בין ווי אַ הייסער זאַל
פון אַלע פענצטער העל צעצונדן.
ס'רוישט דער דינער זייד און איך גיי אום
מיט חושים אָפענע, ווי נישט פאַרבונדענע וואונדן.

די „אָפענע חושים" קומען פון אייזלאַנד'ן, אָבער די עמאָציאָנעלע אָנגע־לאָדנקייט, די לאַקאָנישקייט און שאַרפקייט פון אויסדרוק, ווי אויך די בילד־לעכקייט, זיינען אינגאַנצן שטאָלצענבערג'ס.

וויכטיקער נאָך אָבער ווי די בילדלעכקייט איז געווען דער „רחמנות פאַר אַלע זאַכן" און דער אינטערעס אין די „וואָס גאָט האָט זיי געפּרואווט", וואָס זיינען געקומען צום אויסדרוק אין יענע ערשטע לידער שטאָלצענבערג'ס:

די וואָס גאָט האָט זיי געפּראָוווט,
האָבן מיט בלוט געמוזט באַצאָלן.
זיי זיינען דורכזיכטיק און בלייך,
ווי אַרויסגעלאָזטע פון שפּיטאָלן.

אין זייערע אויגן אַ טיפער צער
און רחמנות פאַר אַלע זאַכן.
זיי שמייכלען מיט די ווינקלען פון מויל
און קענען קיינמאָל הויך ניט לאַכן.

ער האָט שוין אָבער אפילו דאַן זיך ניט באַנוגנט בלויז מיט אַזעלכע לידער, וואו זיין געפיל און אינטערעס אין מענטשן, אין די פון „גאָט־גע־פּרוואוטע", זאָל קומען צום אויסדרוק אויף אַן אַלגעמיינעם, ליריש־דעקלאַראַ־טיוון אופן ווי אין דעם אויבן־ציטירטן ליד. דער אינטערעס אין יענע וואָס „קראַצן מולטערס מיט פאַרבלוטיקטע נעגל", אין יענע וואָס גייען „אַרום

מיט פנימער פינסטערע פּאַרוויסטע״ האָט זיך אים ווידער געשטאַרקט. און ניט נאָר די געפּאַלנקייט און דער עלנט פון מענטשן האָט אים גערעגט, נאָר עס האָט אים אויך אינספּירירט די דערהויבנקייט, די מאָראַלישע און גייסטיקע שיינקייט פון מענשן. און ער האָט אָנגעהויבן שרייבן לידער וועגן קאָנקרעטע מענטשן, אין קאָנקרעטע סיטואַציעס.

דאָס זיינען דערהויפּט געווען היימישע אידן פון שטעטל. ער האָט אָבער וועגן זיי געשריבן ניט בלויז ווי אַ שטייגער־שילדערער. עס האָט אים אויך אינטערעסירט זייער אינערלעכער גייסט, זייער פּערזענלעכער גורל, די דראַ־מאַטישע און פּאָעטישע מעגלעכקייטן פון דער געשעעניש, אין וועלכע זיי זיינען געווען פאַרוויקלט. ער האָט זיי געלאָזט רעדן מיט דערהויבענעם פּאַ־טאָס, ווי למשל וואָלף בעזבערידער אין דעם ליד מיט דעם נאָמען. דאָס ליד איז געשריבן אַזוי, אַז די שילדערונגען בייטן זיך מיט די רייד פון דעם העלד גופא:

„גאָט, פון אַ שווערער לאַסט באַפרייסטו מיך,
און נעמסט אַראָפּ אַ בלענדעניש, אַ שאָלעכץ פון די אויגן,
ווי נאָך אַ רעגן זע איך איצטער קלאָר.

„אַז דו ביסט מיט מיר, קען איך אַ שלאַקסרעגן דורכגיין טרוקן,
און אויסשטיין קאָן איך הונגעריקע יאָר״.

ער רופט אַריין אַן אָרימאַן
און גיט די זיידענע קליידער אַוועק.

אַ האַרטער מאַנטל און גראָבע לייוונט איז בעסער אויפן וועג.
און ער פאַרלאָזט דאָס הויז, די שטאָט,
מיט אַ האַרץ ווי ער וואָלט גאָרנישט נישט פאַרלוירן:

„גאָט, נאַקעט בין איך געבוירן,
און לויבן קען איך דיך אין יעדן ווינקל,
מיט באָרוויסע פיס און אַ צעריסן העמד,
באַ פרעמדע טישן, אין דער פרעמד״.

דער עיקר אין דעם ליד זיינען די לירישע רייד, דער נאַראַטיוו, אָדער דראַמאַטישע אַקציע זיינען בלויז סקיצירט, אָבער ניט רעאַליזירט אין זייער פולער מעגלעכקייט. דאָס ליד איז דעריבער מער אַ פּרוּוו, אַן אָנזאָג אויף עפּעס, ווי אַ גאַנצע זאַך. דערפאַר זיינען, ניט וואָס געלונגענער, נאָר פולער

און גאַנצער יענע לידער, וואָס זיינען אינגאַנצן געבויט אויף אַ ליריש־דראַ־מאַטישן מאָנאָלאָג, ווי, למשל, דאָס אויסגעצייכנטע ליד „דאָס געבעט פון צווײ שוועסטער״:

מיר האַלטן די אויגן אַראָפּגעלאָזט,
נאָר דאָס שטעכן פון אויגן מיר שפּירן.
גוטער גאָט, אַ מאַך אונז בלינד,
וויל אויגן, אויגן פאַרפירן.

פון בלוט אַ ריח אונז טראָגט דער ווינט,
מיר קאָנען נישט אומגיין זיכער.
דערבאַרים זיך איבער צווײ אָרעמע שוועסטער,
מיר זאָלן פאַרוויאַנען וואָס גיכער.

מיר ווילן ווי אַלטע וועשערינס ווערן.
אין האַרטער אַרבעט לאָז אונז פאַרשטאַרן,
און אונזער בלוט צעפיר ווי טרערן.
קרום אויס, מאַך פּלאַטשיק די שיינע פּיס —
נאָר דאָס האַרץ לאָז איבער ווי עס איז.

אויב אין די גאָר ערשטע לידער אין „אינזל״ האָט שטאָלצענבערג אַזוי צו זאָגן זיך פאַרגעשטעלט פאַר דער וועלט, פּראָקלאַמירט זיין דיכטערישע קרעדאָ, האָט ער אין די ווייטערדיקע לידער אין „אינזל״ און נאָך שפּעטער אין דער „צוקונפט״, אָנגעהויבן צו פּראַקטיצירן די עיקרים פון זיין קרעדאָ. אין דעם טיילווייז ציטירטן ליד „וואָלף בעזבערידער״, וואָס איז שוין געווען געדרוקט אין דער „צוקונפט״, און אין „דאָס געבעט פון צווײ שוועסטער״, וואָס איז נאָך געווען געדרוקט אין „אינזל״, האָט ער געוויזן, אַז ער „פאַר־שטייט די שפּראַך פון זאַכן״, אַז ער הייבט אָן צו קאָנען „אויף ווערטער אויס־דריקן״, ניט נאָר דעם „ווייטיק פון אינגלעך און פון מיידלעך, ווען זיי ווערן צייטיק״, נאָר אויך דעם פאַטאָס פון אַ „פאַרשעמטנס האַלבע טרערן״.

כאָטש די לידער זיינען ניט קיין דירעקט־לירישע לידער, יעדנפאַלס ניט קיין „איך״־לידער, איז אָבער דער לירישער עלעמענט אין זיי זייער שטאַרק. עס זיינען ניט אַזוי די העלדן, ווי דער דיכטער גופא וואָס זעט זיך אָן. ער האָט די העלדן געשאַפן אין זיין געשטאַלט. דאָס עיקרדיקע אין די העלדן איז זייער געפיל־פלאַקער, זייער גרייטקייט אויף נסיונות, אויף נעמען אויף זיך שווערע יאָכן, זייער תשוקה צו לייטערונג, צו עטישער דערהויבנקייט כדי צו האָבן אַ ווערט אין די אויגן פון גאָט און פון מענטשן.

עס איז שווער צו וויסן, וואו עס האָבן זיך גענומען צו אַזאַ יונגן דיכטער אַזוינע דערהויבענע געפילן און באַגריפן. דאָס איז נאַטירלעך דער סוד פון זיין טאַלאַנט. אָבער אַז ער אַליין האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט אַזוינע געפילן, שטרעבונגען און באַגריפן, אַז ער אליין איז געווען אַזאַ „העלד" קאָן מען זען פון די דירעקטע לירישע און אויטאָביאָגראַפישע לידער. אין אַ ליד, וואָס ער האָט אָנגעשריבן אַ פּאָר יאָר פאַר זיין טויט (אגב, איינס פון זיינע טיפסטע און רירנדיקסטע לידער) וואָס האָט אַ שייכות צו דער צייט, וועגן וועלכער עס רעדט זיך דאָ, איז פאַראַן אַ קלאָרע באַשטעטיקונג פון דעם באַגער נאָך נסיונות און יאָכן, אפשר ווי אַ מיטל אין דעם רילקעשען זין צו טיפערער און אינטענסיווערער דיכטערישער שאַפונג, צו אינטענסיווערן באַנעם פון דעם פאַרשעמטנס האַלבע טרערן:

אין 1925, אין 20טן יאָר פון מיין לעבן,
ווינטער, שבת פאַרנאַכט, איך בין שפּאַצירן געגאַנגען.
לידער אין קאָפּ און זיכער דאָס האַרץ און פריינט דערנעבן —
פאַרוואָס האָב איך זיך דאַן אין דעם געבעט פאַרגאַנגען:

„גאָט, זאָג נישט אָפּ קיין וויטיק מיינע טעג,
פון דער באַשערטער מאָס נעם גאָרנישט אַוועק.
שנייד מיין לעבן מיט דער שאַרפסטער שאַרף,
שיק צרות, וואָס ווי פעלדער רעגן איך באַדאַרף.
פון שלאפקייט היט נישט מיין לייב, פון אויסשלאָג מיין הויט,
גיב נישט קיין וואַסער און גיב נישט קיין ברויט.
דערהייב מיינע שונאים, דערווייטער די פריינט,
פאַרשוואַרץ דאָס מזל, ווען ליכטיק עס שיינט.
פאַרשעם מיך פאַר מענטשן, פאַרהאָס מיך אליין
און מאַך מיר אין די אויגן ביי יענעם ווי אַ מילבל קליין".

דאָס ליד פאַרענדיקט זיך מיט די דאָזיקע 4 שורות:

1938. עס זיינען 13 יאָר פאַרגאַנגען —
די שונאים שטאַרק, די פריינט צעגאַנגען.
דאָס מזל שוואַרץ, אין יאָך געבויגן,
טרויעריקער, טרויעריקער ווערן די אויגן.

די לעצטע 4 שורות געהערן שוין צו גאָר אַן אַנדער פעריאָד אין זיין לעבן און צו גאָר אַן אַנדער שטימונג. פון דעם ליד איגנאָנצן קאָן מען אָבער זען ווי ענלעך שטאָלצענבערג איז געווען צו די מענטשן, וואָס ער האָט דאַן אַרויסגעפירט אין זיינע לידער.

יונג ווי ער איז דאָן געווען און אינגליש ווי ער האָט זיך אָפּט ניט געמאַכט האָט ער אָבער פאַרמאָגט טיף אין זיך אַ גרויסן ערנסט. ער האָט געוואוסט, וואָס עס מיינט ליידן און וואָס עס מיינט זיין פון „גאָט געפּרואווט". שיעור ניט מיט עפּעס אַן אור־אַלטער רעליגיעזער שרעק האָט ער געפילט די „האַנט פון גאָט", וואָס „שווער פאַלט אַראָפּ אויפן קאַרק" און „שטרעקט אויס דעם מענטש, וואָס איז אין יאָך געשפּאַנט, (פּרוווט) ביז צו טרערן און (צאַפּט) דאָס בלוט און (מאַכט) קינדער אַלט אין איין מינוט" (זע דער שטרויענער ריטער, ז. 52). מער ווי אַלץ האָבן זיין פאַנטאַזיע גערעגט די מענטשן, וואָס אויף זיי איז „שווער געפאַלן גאָטס האַנט". ער האָט געזען די מענטשן, אָבער נאָך מער האָט ער זיך אין זיי געזען.

די נאַטירלעכסטע פאָרמע פאַר אַזאַ באַנעם וואָלט געווען די דראַמאַטישע פּאָעמע. און שטאָלצענבערג האָט זיך ניט אויפגעהערט צו פאַרמעסטן אויף אַזאַ פּאָעמע. איינמאָל האָט ער זיך אפילו פאַרמאָסטן אָנצושרייבן עפּעס ענ־לעכס צו אַ גריכישער טראַגעדיע. עס האָט אים אָבער געפעלט דער כוח צו אַנטוויקלען אַ דראַמאַטישע אַקציע. ער האָט בלויז געקאָנט אָנוואַרפן דעם פּלאַן פאַר אַ פּאָעמע, אָבער ניט אים רעאַליזירן.

דערפאַר איז אויך זיין פּאָעמע „דער שטרויענער ריטער" (ער האָט זיך צו דעם „ריטער" צוריקגעקערט אין די לעצטע אַנדערהאַלבן יאָר פון זיין לעבן) נישט געקוקט אויף די וואונדערלעכע שורות, וואָס זי פאַרמאָגט, ניט מער ווי אָנוואורף. ער האָט בלויז באַרירט אַ צאָל עפּיזאָדן, וואָס האָבן גע־קאָנט און געדאַרפט אַנטוויקלט ווערן. עס איז מער אַ סינאָפּסיס פאַר אַ פּאָעמע, ווי אַ פּאָעמע:

ער איז אין ברין געווען און אין ברעסלאו געווען,
אין אַלמעין געווען און גאַרנישט געזען.

אין ווין מיט דאָקטאָר הערצל געגעסן,
אין רוים איז ער ווי אויף שפּילקעס געזעסן,
אין בערלין האָט ער היינען געלייענט,
און אין פּאַריז האָט ער ביטער געוויינט.

עס איז אויך קאָנטיק, אַז ביים שרייבן דאָס ליד האָט זיך שטאָלצענבערג נאָך ניט אָפּגעגעבן קיין רעכענונג, וואָס ער וויל מאַכן פון דעם „שטרויענעם ריטער" — אַ קאָמיש אָדער טראַגי־קאָמיש געשטאַלט, אַ טיפּ פון אַ היימישן

ראַמאַנטיקער, אָדער סתם אַ בטלן און שלימזל. גיכער פון אַלץ איז דאָס ליד אַ געמיש פון זיין אייגענעם נאָך ניט איינגאַנצן אויסגעקריסטאַליזירטן באַנעם פון דעם מהות פון „ריטער" און פון דעם אַזוי צו זאָגן קאָלעקטיוו־שטעטלדיקן בילד פון אים. דער „שטרויענער ריטער" האָט ווי עס זעט אויס געהערט צום פאָלקלאָר פון שטעטל. ער האָט געמוזט זיין איינער פון יענע פאַרשווינען, וואָס צוליב זייערע אַנדערשקייטן, זייערע „משוגעת'ן" זייַנען זיי דער אָביעקט פון חוזק און לצנות, איינער פון יענע מענטשן, וואָס זיינען, ווי שטאָלצענבערג שרייבט אין אַן אַנדער ליד:

. . . געווען צעלייגט אויף טעלער,
געוואָרגן האָט מען זיך מיט אים ביים לאַכן,
מיט ווערטער ווי מיט מעסערס אים געשונדן,
פאַרשיט מיט זאַלץ האָט יעדער אים די וואונדן . . .

ערשט שפּעטער האָט זיך שטאָלצענבערג אַרומגעזען, אַז דער „שטרויענער ריטער" קאָן אים דינען מער ווי בלויז פאַר איין צופעליק ליד. ער האָט איינגעזען, אַז פון דעם „קופערט מיט בריוו", וואָס איז געבליבן פון דעם „ריטער" קאָן ער ניט נאָר שרייבן נאָך און נאָך לידער און באַלאַדן, נאָר אַז דער „ריטער" קאָן ווערן דאָס צענטראַלע געשטאַלט פון זיין פּאָעזיע.

דער דראַמאַטישער עלעמענט אין שטאָלצענבערג'ס לידער

אויב שטאָלצענבערג האָט אין יענע צייטן ניט באַוויזן אָנצושרייבן קיין גאַנצע און איינהייטלעכע דראַמאַטישע פּאָעמע, איז אָבער דער תוך פון זיינע לידער שוין דאַן געווען אַ דראַמאַטישער. די דאָזיקע דראַמאַטישקייט האָט פיל בייגעטראָגן צו דער קוואַליטעט און צו דער עמאָציאָנעלער ווירקונג פון זיינע לידער.

ווי ליריש שטאָלצענבערג'ס אַ ליד זאָל ניט זיין איז דאָס כמעט שטענדיק געבויט ניט אַזוי אויף אַ שטימונג, ווי אויף אַ סיטואַציע, אויף אַן אַקטיוו־דראַמאַטישן באַנעם פון אַ געשעעניש, אָדער איבערלעבונג. דער טאָן, די רייד, די מאָדולאַציעס, דער פאַל און הייב פון דער שטימע, דער אויפשפּיל פון בילד, — דאָס אַלץ טראָגט אַ דראַמאַטישן כאַראַקטער.

וואָס ווייטער איז דאָס אַלץ בולטער און בולטער געוואָרן. ניט נאָר זיינע לידער וועגן אַנדערע ווי „וואָלף בעזבערידער" און „דאָס געבעט וועגן צוויי

שוועסטער", נאָר אפילו זיינע „איך"־לידער זיינען געוואָרן דראַמאַטיש אין אויסדרוק און אויספורעמונג. די פעאיקייט צו פאַרדרויסענען אינעווייניקסטע איבערלעבונגען, די פעאיקייט צו קאָנען געבן די סיטואַציע וואָס האָט זיי באַגלייט, אָדער אַרויסגערופן, ווי אויך די ביז ווייטיק שאַרפע שפּירונגען, וואָס האָבן אַזוי דראַמאַטיש אויפגעלעבט זיינע מעטאַפאָרן און פאַרגלייכן — דאָס אַלץ האָט אָפּגעווישט דעם חילוק צווישן זיינע „איך"־לידער און זיינע לידער וועגן אַנדערע.

„אַ בריוו פון שטרויענעם ריטער צו זיין גנעדיק פריילין", למשל, וואָס שילדערט אַ מאָמענט אין דער פאַטאַלער ליבע פון „ריטער", פאַרענדיקט זיך מיט די דאָזיקע דראַמאַטישע שורות:

ס'איז טונקל איצט און כ'זע דיך אויפן בעט.
די ווילדע רויזן אויף די ציכן גליען.
שטיק קראַפּיווע אויף דיינע ציכן אויס
וויל עס שטעכט דאָס האַרץ און מיינע ליפּן בריען.

און דאָס ליד „אייפערזוכט", וואָס איז שוין אַ „איך"־ליד און האָט צו טאָן מיט אַ פּערזענלעכער איבערלעבונג, פאַרענדיקט זיך מיט פיר שורות ענלעך אין סטיל און בילדלעך־דראַמאַטישער אויספורעמונג צו די ציטירטע שורות פון דעם ליד וועגן „ריטער":

זאַמד אין האַלדז און זאַמד אין די אויגן,
קראַפּיווע אויף די ליפּן בריט.
די זון פאַרגייט אין געלע פאַרבן
און אייפערזוכט אויף אַלע גאַסן בליט.

אַ באַזונדער גוטער מוסטער פון דער דראַמאַטישקייט אין שטאָלצענבערג'ס „איך"־ליריק זיינען די צוויי לענגערע לידער „בענקעניש" (ז. 91) און „ס'איז גוט זיך נאָך אַמאָל צו טרעפן" (ז. 94). די ערשטע העלפט פון צווייטן ליד לייענט זיך אַזוי:

לאָמפּן ברענען הייס, טירן קלאַפּן.
גלעזער דין ווי אין חלום קלינגען,
פאַרצווייפלטע פון פרייד צוויי הערצער קלאַפּן!
רינגען לויפן פאַר די אויגן, נעפּלדיקע רינגען.

ווי פון אַ בליץ באַלויכטן שיינט דער שטערן.
טרערן אויף די ליפּן ביטערבריענדיקע טרערן.

איך בין געגאַנגען דורך פייער, דורך געוויטער,
דורך שונא׳ס רייען און דורך הונגערשאַפט.
אין אומדערבאַרעמדיקע הענט פון שונא׳ס היטער
צו זען דיך איינמאָל פאַרן טויט נאָך — געווען איז מיין געבעט.
איך בין געלעגן אין האַפנשטאָט אַ קראַנקער,
מיין לעצטע האָפענונג אויף אַ שיף געווענדט.
אַ פייף רייסט אָפּ מיין האַרץ, די שיף הייבט אויף דעם אַנקער —
איך בלייב... נאָר שוין ווי פליגל פלאַטערן די הענט,
די פאַרגייענדיקע זון ווי אַ קויל דערברענט
ניין, נישט ווי פליגל געפלאַטערט האָבן מיינע הענט,
די לעצטע האָפענונג האָט ווי אַ קויל געברענט...

דער דאָזיקער אויסצוג האָט אַלע כאַראַקטעריסטישע שטריכן פון אַ דראַ־מאַטישן מאָנאָלאָג. דער דראַמאַטיזם אין שטאָלצענבערג׳ס לידער איז אין דער ערשטער ריי, נאַטירלעך, אַן אויסדרוק פון זיין ברוייזיקן טעמפּעראַמענט און פּאַטאָס. עס האָט אָבער אויך אַ נאָענטע שייכות צו דער צייט אין וועל־כער ער איז אויסגעוואַקסן, צו די איינדרוקן זיינע פון אַ וועלט און אַ צייט אין וועלכער, ווי ער זאָגט אין אַ ליד, גאָט פלעגט זיך באַווייזן:

. . . מיט דונערן און בליצן,
מיט שלאַקסרעגן און האָגל . . .
— — — — — — — — — — — —
. . . . מיט בייזע שטערן,
מיט פייערדיקע בעזימס און קאָמעטן,
און שלאַכטן קומען און פיינטלעכע פערד טרעטן
איבער אונדז. דו שטאַרקסט דעם שונא׳ס האַנט,
און מאַכסט אים גיריק נאָך אונזער בלוט.
עס בלייבט פון אונזער שול אַ טרויעריקע וואַנט,
און ס׳טרייבט אין וויטן רוסלאַנד אונדז דעם שונא׳ס האַנט.

עס זיינען די דערפאַרונגען פון די מלחמה־יאָרן, די וועלט־וויזיע, וואָס ער האָט פון יענער צייט אין זיך געטראָגן, וואָס האָבן באַשטימט ניט נאָר דעם כאַראַקטער פון זיין טעמאַטיק, נאָר די פאָרם און דעם דראַמאַטישן פּאַטאָס פון זיינע לידער.

אויך די באַלאַדן, וואָס שטאָלצענבערג האָט מיט דער צייט אָנגעהויבן צו שרייבן, האָבן זיך אויסגעצייכנט ניט נאָר מיט זייער ליריזם, נאָר אויך מיט זייער דראַמאַטיזם, וואָס מען דאַרף נאַטירלעך ניט צונויפמישן מיט טעאַט־ראַלישקייט. מיטן אויסנאַם פון די קורצע לירישע לידער, זיינען, אגב, די

באַלאַדן די גאַנצסטע זאַכן וואָס שטאָלצענבערג האָט אָנגעשריבן אין די ערשטע יאָרן. ער האָט אין זיי טיילווייז געפונען אַן אויסוועג פון זיין פּראַג־מענטאַרישקייט. ער האָט באַוויזן זיך צו קאָנען ספּראַווען מיט דער פּאַר־העלטנישמעסיק קורצער באַלאַדע, בעסער ווי מיט אַ לענגערער נאַראַטיווער פּאָעמע. די באַלאַדע האָט אויסער דעם אים אויך געגעבן די מעגלעכקייט אָנצוהאַלטן די אַקצענטן פון אַ לירי‏קער און דאָך שאַפן אַ ליד, וואָס זאָל האָבן, ווינציקסטנס, אַ כמו־דערציילערישן ווערט, אַ ליד וואו דער פּראָטאַ־גאָניסט זאָל זיין ניט ער אליין, נאָר אַן אַנדערער, אַ רעאַל, אָדער אויסגע־חלומ׳ט געשטאַלט.

די טעמעס פאַר די באַלאַדן האָט ער גענומען ניט נאָר פון לעבן פון שטעטל, נאָר אויך פון פּאָליטישע און סאָציאַלע געשעענישן פון טאָג, ווי פאַר דער באַלאַדע „דער טויט פון נעוויאַדאָמסקי׳ן”. ווי פאַקטועל דער מאַטעריאַל זאָל אָבער ניט געווען זיין, האָט ער אָבער אַדאַנק דער באַלאַדע־פאָרם און זיין דראַמאַטיזם, באַוויזן אים צו געבן אַן אימאַזשעניטיוון כאַראַקטער.

קיין באַנייער פון דעם באַלאַדע־זשאַנער אין פאָרמעלן זינען פון דעם וואָרט איז שטאָלצענבערג ניט געווען. ער האָט זיינע באַלאַדן געשריבן אין דער ראָמאַנטיש־פאָלקסטימלעכער טראַדיציע. די ערשטע צוויי שורות פון די פיר־פערזיקע סטראָפעס אַנטהאַלטן געוויינטלעך, אַ נאַטור־בילד, אָדער זאַכלעכע פאַרצייכענונג וועגן דער דרויסנדיקער אומגעבונג אין וועלכער די געשעעניש קומט פאָר. אין די אַנדערע צוויי שורות ווערט געגעבן, מיט אַ מער עמאָציאָנעלער און לירישער באַטאָנונג, עפּעס, וואָס איז שייך צו דער גע־שעעניש, אָדער צום פסיכישן צושטאַנד פון דעם העלד פון דער באַלאַדע. עס איז דער טראַדיציאָנעלער פּאַראַלעליזם, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם געבוי פון דער פאָלקס־באַלאַדע:

עס רעגנט דריי טעג נאָכאַנאַנד,
און ס׳הערט ניט אויף צו גיסן.
אין אַ ציטאַדעל צו אַ נאַסער וואַנט
פירט מען ניעוואַדאָמסקי׳ן שיסן.

אין אַ רעגנמאַנטל און אין הוילן קאָפּ,
גייט ער, ווי מען גייט שפּאַצירן.
הינטער אים דרייצן געלאַדענע מאַן,
און ביי זיין זייט פּילסודסקי׳ס אָפיצירן.

ער זעט פון דער נאָענט די פאַרוויכערטע וואַנט,
די פיס אין דער בלאָטע זינקען.
„איצטער איז מיין לעצטער וואונטש —
וואַרימע מילך צו טרינקען".

ער נעמט דאָס גלעזל צום מויל,
די ציין אָן גלעזל קלינגען.
און זעצט זיך זיין לייב אַראָפּ אויף די קני
און זיינע שלייפן שפּרינגען.

„פאַרבינדט מיר די אויגן, פאַרבינדט די הענט,
איך קאָן אויף מיין טויט ניט קוקן.
אין אַ שוואַרצן ראָק שטייט דער פּרעזידענט
און זיינע אַקסלען צוקן".

דעם פּרעזידענט'ס מאַנטל איז אויפגעריסן,
די וואונד אין דער זייט איז אָפן.
ער פאַלט ווי בליי אויף דער נאַסער ערד —
פון דרייצן קוילן געטראָפן.

די באַלאַדע „דער טויט פון שטרויענעם ריטער", וואָס איז אָנגעשריבן געוואָרן מיט אַ יאָר אָדער צוויי פריער, איז פון אַ גרעסערן פּאָעטישן ווערט. זי איז אינטענסיווער, זינגעוודיקער און בילדלעכער. די אימאַזשן און פאַר־גלייכן נאָענט ווי זיי זיינען צו דער פאָלקישער טראַדיציע זיינען אין אַ געוויסן זינען סטיליזירט און אין תוך געגומען דער אויסדרוק פון פיינעם דיכטערישן געשמאַק און אָפּקלייב, ווי מען קאָן זען פון די דאָזיקע פּאָר סטראָפן:

פון קאַשטנביימער פאַלן בלעטער
און קאַלינעס זיינען רויט ווי בלוט.
ס'גייט דאָס גנעדיקע פריילין מיט איר מאַן שפּאַצירן
און זיכער איר האַנט אין זיין אָרעם רוט.
....

ער גייט ווי אין אַ שווערן חלום
און האַלט דעם קאָפּ זיך צו מיט די הענט.
די אויגן זיינען מיט בלוט פאַרלאָפן
און זיינע ליפּן פאַרברענט.
....

ער הערט איר קול ווי דורך אַ נעפּל
און האָט אין גאַנג זי אָנגערירט.
שטערן צינדן זיך אים אין די אויגן.
דאָס בלוט אין די אָדערן פרירט.

צום ערשטן מנין קומען אידן
און נעצן די הענט אין נאַסן גראָז.
צום פערטן מנין קומען אידן
און לייגן צוויי פעדערן צו צו זיין נאָז.

....

פון שטרויענעם ריטער איז אַ קופערט
מיט ביכער און בריוו געבליבן.
די ביכער האָבן די רוסן צעריסן,
פון די בריוו האָב איך לידער געשריבן.

די באַלאַדע האָט זיך אַזוי גוט געפּאַסט פאַר שטאָלצענבערג׳ס טאַלאַנט — דעם טאַלאַנט פון אַ ליריקער, וואָס דריקט אויס זיין ליריזם אין לידער געבויט אויף געשעענישן — אַז אפילו די פאַרקלערטע, דינערע און סובטילע שטימונג־לידער זיינען אים בעסער געלונגען, ווען ער האָט זיי געשריבן אין טאָן פון באַלאַדן, ווי למשל דאָס ליד „אַ טרויעריקער שבת־פאַרנאַכט״:

ס׳רעגנט און רעגנט און רעגנט,
איך האָב ניט וואו צו גיין.
די רויטע טישטוכער טונקלען,
לייכטער און איך אליין.

ס׳לויכטן מעשענע שלעסער,
נאָענט די געמאָלענע וואַט.
אין דרויסן שטייען פיאַקערס
נאַס און אויסגעשפּאַנט.

ליכטיק איז אין לעמבערג,
אין די אַלייען נאַס.
מיינע חברים שפּאַצירן
אויף קאַרל לודוויק גאַס.

איך האָב נישט וואו צו גיין
און ליג מיר אויפן בעט,
און לייג אויס לאַנגע בריוו
און בענק נאָך גרויסע שטעט.

ס׳רעגנט און רעגנט און רעגנט,
דורך ריוועס בלעטער יאָגן.
גאָט, איך וויל זיין אַ ברעט
אויף הויכע וואַסערן געטראָגן.

**
*

מיטן באַטאָנען דעם דראַמאַטישן און נאַראַטיוו־באַלאַדישן עלעמענט אין שטאָלצענבערג׳ס לידער בין איך, נאַטירלעך, ניט אויסן געווען צו זאָגן, אַז ער האָט דערגרייכט די פולע מדרגה פון אַ דראַמאַטישן פּאָעט, אָדער אפילו פון אַ פולשטענדיקן באַלאַדיסט. עס איז מער געווען אַ פראַגע פון פּאָטענציעלע מעגלעכקייטן, ווי פון פולשטענדיקער רעאַליזירונג. עס איז געווען מער אַ פראַגע פון אַ ביי־טעם, אַן עלעמענט אין זיין שאַפן, ווי אַ פול־אַנטווי־קלטער און אַלץ־אַרומנעמענדיקער פאָרם. אָבער ,אפילו בלויז ווי אַן עלע־מענט האָט דער דראַמאַטיזם פיל צוגעטראָגן צו דער אינעווייניקסטער קערנ־דיקייט און עפעקטיווקייט פון זיינע לידער.

טעכניק און מייסטערשאַפט

בכלל גענומען צייכענען זיך שטאָלצענבערג׳ס לידער אויס מער מיט זייערע אינעווייניקסטע ווי מיט זייערע ריין־פאָרמעלע אָדער טעכנישע מעלות. ער איז געווען, וואָס מען רופט, אַן „אינסטינקטיווער טאַלאַנט״. מיט קיין באַזונדערער טעכנישער מייסטערשאַפט האָט ער זיך ניט אויסגעצייכנט. זיין ווערסיפיקאַציע איז ניט קיין פאַרשיידנאַרטיקע, און ווייט ניט קיין פולקאָמע. מעטריש איז זיין ליד אָפט ניט אויסגעהאַלטן, אפילו שטעלנווייז שלאַבערדיק. אָפט האָט זיינס אַ שורה געקלונגען בעסער ביי אים אין מויל ווי אויפן פּאַפּיר. ער פלעגט מיט זיין הייסן לייענען און מיט זיין כאַראַקטעריסטישן אַקצענטירן די וויכטיקסטע ווערטער אין דער שורה פאַרדעקן די בלויזן, אַריבערשפּרינגען די גריבלעך און בערגלעך און אַזוי אַרום אויסגלעטן די ניט־גלאַטקייטן אין דער ווערסיפיקאַציע.

ניט געקוקט אָבער אויף די מעטרישע בלויזן האָבן זיינע לידער פון אָנהייב אָן פאַרמאָגט אויך אין פרט פון ריטם אַ זעלטענע עמאָציאָנעלע פולקייט און וואָגיקייט. נאָך מער, כאָטש ער האָט קיינמאָל זיך ניט אָפּגעגעבן מיט דער קלאַנגלעכער אָרקעסטרירונג פון זיינע לידער, זיינען ביי אים פאַראַן שורות, סטראָפן און אפילו גאַנצע לידער, וואָס זיינען ריין קלאַנגלעך פון אַ הויכער מדרגה.

שוין דאָס ליד „אויף יאַגד קומט אַרויס קאַמעראַדן״, איינס פון זיינע גאָר ערשטע לידער, וואו עס דאָמינירן די אויפרייסיקע קאָנסאָנאַנטן — גימלען און קופן — וואָס האָבן זיך אַזוי געפּאַסט צום עקספּלאָזיוון כאַראַקטער פון ליד, ווייזט אַז ער האָט אינסטינקטיוו געהאַט אַ חוש פאַר דער פאָנעטיק פון ליד:

אויף יאַגד קומט ארויס קאַמעראַדן,
אויף צווייפיסיקע סארנעס, אויף מיידלעך.
מיט שרויט די אויגן געלאָדן,
יאָגט, די ביקסן געשטרעקט,
רעגנט מיט שרויט פון די אויגן.
עס שמעקט מיט סאָסנעווע וועלדער,
זיי קומען אונז שלאַנקע אַנטקעגן.

אין דעם ליד „בעטלער״, צו ברענגען בלויז נאָך איין ביישפּיל, זיינען פאַראַן אַזוינע דריי שורות:

און די מיט אַ לוסט צו גנב׳ענען און מיט אַ לוסט צו וואַנדערן
טרויעריק און בויגיק ווי ריטלעך אין געוויטער
ציען אין מערב־געגנט אין מלך אביונ׳ס גיטער...

אין די ערשטע צוויי שורות, כאָטש שטאָלצענבערג האָט מסתמא ניט גע־זוכט באַוואוסטזיניק צו קאָמבינירן די קלאַנגען, איז פאַראַן אַ וואונדערלעכער צוזאַמענקלאַנג צווישן די וואָקאַלן, קאָנסאָנאַנטן און דיפטאָנגען, ווי למשל צווישן די א׳ען, נונען און וואָוועון אין „גנב׳ענען״ און „וואנדערן״; צווישן די אוי־ען און קופן אין „טרויעריק און בויגיק״. אויסער דעם זיינען פאַראַן אין די שורות אויך אַסאָנאַנסן און האַלבע גראַמען, ווי „ריטלעך״ און „געווי־טער״ און אַנדערע; שוין ניט צו רעדן פון דעם מוזיקאַליש־ריטמישן שוואונג פון דער ערשטער שורה מיט איר אנאַלאָגיש געבויטע, אָדער פאַראַלעלע העלפטן: און די מיט אַ לוסט צו גנב׳ענען / און מיט אַ לוסט צו וואַנדערן. דאָס איז אַ גאַנץ רייכע אָרקעסטרירונג פאַר אַ דיכטער, וואָס האָט זיך באַ־וואוסטזיניק נאָך דעם ניט געיאָגט. אגב, האָט אפשר די אָרקעסטרירונג פון אַ ליד באמת אַ ווערט בלויז דאַן ווען זי איז ניט באַוואוסטזיניק געמאַכט; ווען זי איז ניט קיין מעכאַנישע, נאָר אַן אָרגאַנישע זאַך. „דאָס געפיל פאַר קלאַנגען — האָט באַמערקט אפילו אַזאַ ווי מען וויל האָבן „באַוואוסטזיניקער״ פּאָעט ווי עליאָט — דרינגט אַריין פיל טיפער פון באַוואוסטזיניקן שיכט פון געדאַנק און געפיל״...

דאָס וויכטיקסטע אין שטאָלצענבערג׳ס ליד איז אָבער פאָרט ניט די דרויסנדיקסטע קלינגעוודיקייט, נאָר די אינעווייניקסטע מעלאָדישקייט און ריטמישע פאַרצווייגטקייט פון דער סטראָפע, וואָס וויל וואָס מער אָנשעפן און אַרומנעמען:

ער זעט גרויסע שלאַכטן און הערט ווי ס׳קלינגען גלעקער
איבער אוקראינע — מיד פון זאָטל ליגט ער
און ס׳טראָגט זיך צו זיין בעט דער ריח פון רעטשקע
וואָס הייבט זיך אויף ווי טוי פאַרנאַכט פון פעלדער,
שפּרייט זיך ווי אַ רויך און שלאָגט זיך אָפּ אין זאַנגען ווי אַ וואַנט,
שלענגלט זיך דורך סטעשקעס און דורך פינצטערע גערטנער
און פאַרלירט זיך צווישן קאָרטשעס און אין סאָסנע וועלדער.

(עלעגיע אויפן טויט פון גראַף טרעטער)

אָדער ווי אין די דאָזיקע שורות, וואו דער ריטם איז שוין ניט אַזאַ עפּישער, אָבער ווערט נאָך אַלץ באַשטימט פון דעם גאַנג פון די בילדער:

די לבנה לויכט פון שמאָלע שויבן
און ציט אַרויס דאָס האַרץ ביי שלאָפנדיקע אינגלעך.
דורך וואונדערלעכע וועלדער, פאַרשיכורט פון די ריחות,
גייען זיי אויף בלייערנע פיס און ראַנגלען זיך מיט שווערע כוחות,
און שניידן שטילע וואַסערן און שפּאַנען
איבער וויסטע פלעצער, איבער שנייאיקע לאַנען,
צו דעם וויטן צפון, ביז ס׳הייבט אָן טאָגן.
אויפן מילכוועג לויכט דער זיבנשטערנדיקער וואָגן.

די לבנה שווימט דורך ברייטע שפּיגלען,
און שלאָגט זיך אָפּ פאַרחלשט אויף די מעבל,
פון ווינקלען לויכטן קעץ מיט שוועבל,
און מיידלעך מיט פאַרלאָשענע אויגן
זיצן אויף געלעגערס אָנגעבויגן,
און ס׳קוקן אויף זיי צאָרנדיק די געשטריקטע לייבן —
גיפטיקע ביימער בליען אויף די שויבן.

די צוויי ציטירטע שטעלן זייַנען ריטמיש פול און אויסגערונדיקט. עס איז אַן אייגענער און ניט קיין באַנאַלער ריטם. ער איז אָבער מער אַ רע־זולטאַט פון דער בילדלעכקייט, פון דעם גאַנג און בייט פון אימאַזשן ווי פון דער אַקוסטיק פון די ווערטער; פון די שייכות׳ן און פּאַוזעס צווישן זיי. אַזוי אַרום ווען עס קומט צו דער אַקוסטיק דאַרף זי ביי שטאָלצענבערג׳ן גע־שטעלט ווערן אויף דעם צווייטן אָרט, נאָך דער בילדלעכקייט. דאָס אויג איז ביי אים שעפערישער ווי דאָס אויער.

בעת ער איז אָבער ניט רייך אין קלאַנג, איז ער אָבער ווייט פון צו זיין אָרעם אין וואָרט. כאָטש ער האָט אַזויפיל ווערטער אויסגעבראַקירט פון זיין לעקסיקאָן, זיי געהאַלטן פאַר צו „אינטעליגענטיש" און געלייגט דעם

טראָפּ מער אויף דער „זאַך" ווי אויף דער „שפּראַך", האָט ער פאַרמאָגט אַ רייכע און טאַקע פּאָעטישע שפּראַך, וואָס שטייט אין אַלגעמיין גענומען אויף דער ניווא פון די בעסטע שפּראַך־דערגרייכונגען פון דער אידישער פּאָעזיע אין זיין צייט. ער פאַרמאָגט אפילו לידער וואו די שפּראַך איז שוין אביסל צו פּאָעטיש:

געזיכטער שיינען דורכזיכטיק און דין
און מיט אַ ליבשאַפט דורכגענומען.
אויגן שנייאיק בלוי, אויגן רייציק גרין.
שניי פאַלט ווייך און וואַרים און מיט אַ ריח פון איידעלע פאַרפומען,
ווי פון פרויען, וואָס האָבן ליב געהאַט און אַנגעוואוירן.
דער ערשטער שניי פאַלט לויכטנדיק ווי גליק,
און גאַסן ווערן אין אַ בלענדעניש פאַרלוירן.
ביימער און אַלייען שטייען רייך צעבליט
מיט שטערן אויף די צווייגן. זילבערנער צוויט
פאַלט ווייך און דופטיק אויף טראָטואַרן.
מענטשן שטראָמען ווי אין חלום שוועבנדיק,
מיט פּיאָלעט און זילבער ברענען די פאָנאַרן.

און פונקט ווי שטאָלצענבערג איז ווייט פון צו זיין שפּראַכלעך פּרימיטיוו, ניט געקוקט אויף דער אידיאָמאַטישקייט פון זיין לשון און דער נאָענטקייט זיינער צום רעד־נוסח פון שטעטל, אַזוי איז ער אויך ווייט פון פּרימיטיווקייט אין אַנדערע פּרטים. כאָטש גענעטיש גענומען איז ער אַ נאָענטער קרוב פון דעם פאָלקס־פּאָעט, איז ער אָבער ווייט פון פּרימיטיווער פאָלקישקייט. דאָס זעט מען ניט נאָר פון זיינע ליבע־לידער, אָדער נאַטור־לידער, נאָר אפילו פון זיינע דירעקטע פאָלקסטימלעכע לידער.

אין דעם ליד „צום שול־טייך גייט אַ מיידל פראַלן גרייט", וואָס איז פאָלקסטימלעך אין כאַראַקטער, זיינען פאַראַן עטלעכע רעפריינען און יעדער רעפריין האָט ניט נאָר אַ כאַראַלע פונקציע ווי אין דעם פאָלקס־ליד, נאָר אַן אינעווייניקסטע פּסיכאָלאָגישע באַדייטונג. דער רעפריין „דאָס וואַסער רייסט, דאָס וואַסער רייסט" האָט אויסער זיין ריטמיש־אָנאָמאַטאָפּעאישע פונקציע אויך די באַדייטונג, וואָס צוזאַמען מיט אַן אַנדערן און פאַראַלעלן רעפריין: „די שטיפמוטער איז שלעכט, די שטיפמוטער איז שלעכט", העלפט ער דורכטראָגן דורך דעם גאַנצן ליד דאָס געפיל פון עלנט, פון פאַר'יתומ'דיקייט און פון שטיפמוטערישער פיינטלעכקייט וואָס רינגלען אַרום דאָס מיידל און באַ־

גלייטן זי אומעטום. די רעפריינען אין ליד, וואָס חזר'ן זיך איבער מיט דער פּאַטאַלקייט פון אַ גזר, גרייטן צו צום קלימאַקס פון ליד:

מיט וואַסער תירוץ וועט זי גיין אַהיים,
די ציך איז ווייט, די ציך איז ווייט.
זי וואַרפט דאָס גרעט אַנידער ביי דער טיר
און גייט דינען צו פרעמדע לייט.

אויך דאָס ליד „רבונו של עולם שיק אַ גוטן מלאך", וואָס דערמאָנט אין אַ פאָלקסטימלעכער תחינה, איז געשריבן פון אַ דיכטער, וואָס פאַרשטייט די ווערט פון אַ פאָלקס־טאָן און קאָן אים אויסנוצן פאַר אינדיווידועל־פּאָעטישע עפעקטן.

ער האָט ליב געהאַט און האָט אָפט אָפּעריִרט מיט עלעמענטן ניט נאָר פון דער אידישער, נאָר אויך דער סלאַווישער פאָלק־פּאָעזיע:

עס שווימט דער בוג און עס שווימט דער דניעסטער,
דער ווייץ איז צייטיק און דאָס קאָרן.
נאָך פעלאַכ'ן וויינט ניט קיין ברודער און קיין שוועסטער,
ווי' צו אים און ווי' צו זיינע יאָרן.

ער האָט אָבער שטענדיק געוואוסט ווי אַזוי צוצוגעבן צום פאָלק־עלעמענט אַ „נופך משלו", וואָס האָט דאָס פאָלקסטימלעכע פאַרוואַנדלט אין אינדיווידועלער ליריק:

אין דרויסן גייט אַ רעגן,
אין דרויסן גייט אַ רעגן,
אין דרויסן גייט אַ רעגן מיט אַ קליין ביסעלע שניי.
. . . .
און דאָס האַרץ טוט ווי', טוט זייער, זייער ווי'.

(אהיימקער ז. 104)

דער אמת איז, אַז שטאָלצענבערג האָט זיך ליב געהאַט צו מאַכן אַ סך פּראָסטער ווי ער איז געווען. ניט קיין ערודיט אין דעם פולן זינען פון דעם וואָרט, איז ער פונדעסטוועגן געווען גאַנץ גוט באַלייענט אין דער קלאַסישער און אין דער מאָדערנער פּאָעזיע. ער האָט אויסער פויליש און דייטש אויך געלערנט גריכיש און לאַטייניש. נאָך אין דער היים האָט ער אָנגעהויבן צו לערנען ענגליש און האָט נאָך פון דאָרטן געקאָנט אויף אויסנווייניק אַ היבשן

טייל פון דיקענס „איי קריסמעס קעראָל״. ער האָט אויך געקאַנט אויף אויסנ־ ווייניק אַ סך פערזן פון די גריכישע און לאַטיינישע פּאָעטן. אמת, זיין וויסן אין דעם פּרט איז ניט געגאַנגען ווייטער פון דעם וואָס מען לערנט זיך אויס אין די קלאַסן פון אַן אייראָפּעאישער גימנאַזיע. עס איז אָבער דאָך געווען געגוג אַז ער זאָל האָבן געקאָנט אַ צאָל מוסטערהאַפטע קלאַסישע טעקסטן אין אָריגינאַל. און עס איז גוט באַוואוסט, אַז אפילו אַ קליין ביסל וואָס אַ דיכטער האָט געלייענט, אָדער געלערנט אין זיינע פאָרמאַטיווע יאָרן קאָן האָבן אַ גרויסן איינפלוס אויף דער אויספורעמונג פון זיין סטיל. מען האָט אויך געדאַרפט הערן מיט וואָסער פייער ער פלעגט אָפט „דעקלאַמירן״ די תפילה „רבון כל עולמים לא על צדקותינו אנחנו מפילים תחנונינו לפניך״ צו וויסן, אַז אויך דער קלאַנג און ריטם פון העברעאישן וואָרט איז אים ניט געווען פרעמד, אפילו ווען ער איז ווייטער פון סידור ניט געגאַנגען. כאָטש צוריקגערעדט, וואָס איז דען דער סידור, אויב ניט די „גרעסטע אַנטאָלאָגיע פון פּאָעזיע״, ווי אברהם רייזען האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט.

עס איז יעדנפאַלס ניט קיין צופאַל, וואָס שוין פון די ערשטע לידער טרעפט מען ביי שטאָלצענבערג׳ן שורות און אויסדרוקן, וואָס האָבן אין זיך עפּעס פון דער מאָנומענטאַלקייט און גרויסן סטיל פון דער קלאַסישער לי־ טעראַטור.

אָט זיינען אַ צאָל אויסדרוקן פון פאַרשיידענע לידער ביי שטאָלצענבערג׳ן, וואָס לויט זייער רעליעפקייט, לויט זייער קאָנען מיט איין וואָרט שאַפן אַ בילד, דערמאָנען זיי אין סטיל פון די קלאַסישע מייסטער: „אַ וויפל קעפּ מיר האָבן פּרייגעלאָזט פון אַקסלען״ פון ליד „זשאַנדאַר הונדז״ וועגן צוויי געוועזענע סאָלדאַטן וואָס דערמאָנען זיך ביי אַ באַגעגעניש וועגן זייער אַמאָליקער העל־ דישקייט (דאָס ליד געדרוקט אין „אינזל״ איז איבער אַ פאַרזען ניט אַריין אין בוך); „געקומען זיינען זיי פאַר האַרבסט און אָפּגעטרעסעט אַלע באַרן. צעלייגט זיך אין די ריוועס און אויף קלויסטער־טרעפּ און דערפילט זיך פון דעם לאַנד די האַרן״, פון דעם ליד „באָלשעוויקן״; „דערנער וואַקסן קרום און ברעכן דורך ווענט״; „קראַפּיווע באַפאַלט דאָס הויז״; „אין שלאַכטהויז קלינגט דער ליידיקער צעמענט״, פון ליד „רואינען״; „פון אַלטע בריוו די ווערטער כליפּען״, פון ליד „נודנע טעג״; דאָס האַרץ איז ווי אַ וואָג וואָס רייסט זיך אָפּ פון קייט״; „גליקלעכע שעה׳ן קלינגט דער זייגער״, פון ליד „שטרויענער ריטער״; „די

מאָנערס מאָנען, די מבינים שאַצן, וואָלף בעזבערידער צאָלט מיט אַ ברייטער האַנט".

די ציטירטע שורות זיינען ניט די איינציקע פון דעם מין. מען קאָן ציטירן נאָך און נאָך שורות, וואָס זיינען אַזוי קאָנדענסירט, עפּיגראַמאַטיש שאַרף, פול מיט דראַמאַטישער געפּרעסטקייט און האָבן אין זיך עפּעס פון דעם גרויס־אַרטיקן שטעל און זשעסט, וואָס בליצן אַרויס פון די רעפּליקן פון העלדן אין קלאַסישע ווערק. באַזונדערס עפעקטיוו אין די אויסדרוקן זיינען די ווערבן. זיי געבן־צו אַ דינאַמישקייט צום בילד, מאַכן עס באַוועגלעך, אַנשטאָט סטאַטיש־דעסקרעפּטיוו.

די דאָזיקע איינגעבוירענע און דעראָבערטע פּאָעטישע אייגנשאַפטן, וואָס שטאָלצענבערג האָט פאַרמאָגט, האָבן פאַרהיט זיינע שטעטל־לידער פון צו ווערן סתם עטנאָגראַפיע, ווי דאָס האָט געטראָפן מיט די לידער פון אַנדערע פּאָעטן פון זיין דור, וואָס האָבן אויך געשריבן וועגן שטעטל.

אוודאי זיינען אין זיינע לידער פאַראַן גוטע שטייגער־פאַרצייכענונגען. ער האָט פאַרמאָגט אַ שאַרף אויג פאַר דעטאַלן און זיינע אימאַזשן זיינען כמעט שטענדיק געבויט אויף ערשט־האַנטיקער אָבזערוואַציע. ער האָט אָבער אויסער זכרון פאַר דעם געזעענעם פאַרמאָגט אויך דיכטערישן טעמפּעראַמענט און פאַנטאַזיע. ער האָט דעריבער אָפט איבערגעגעבן ניט נאָר דאָס דרויסנדיקע פון זאַכן, נאָר אויך דאָס אינעווייניקסטע אין זיי; ניט נאָר זייער אויסזען, נאָר אויך זייער גייסט. נאָך ניט ביזן גרונט דורכגעטראַכט און פאַרטיפט האָט שטאָלצענבערג עפּעס געוואוסט ניט נאָר פון דער רעאַליטעט פון זאַכן, נאָר אויך פון זייער סימבאָלישן באַטייט. דורך דער שטייגערישקייט האָט ער צומאָל געזען די טראַגיק פון לעבן...

דאָס האַרץ וואָס גאַרט נאָך שטורעם אוןווינט

שטאָלצענבערג האָט, צווישן אַנדערע זאַכן, פאַרמאָגט אַן עכט־פּאָעטיש געפיל פאַר דעם גורל'דיקן און אומפאַרמיידלעכן גאַנג און בייט פון צייטן. אַסך פון דעם פּאָעטישן כישוף און האַרציקייט אין שטאָלצענבערג'ס בעסערע לידער, האָבן צו טאָן מיט דעם לויף פון דער צייט, מיט דער שיינקייט וואָס איז געווען און איז מער ניטאָ, מיט אויסגערונענע האָפענונגען, מיט אַנטוישונג און אייביקער בענקשאַפט. ער פלעגט קאָנען געפינען אַזוינע שאַרפע,

אָפּט אפילו אידיאָמאַטיש־פאָלקסטימלעכע אויסדרוקן צו כאַראַקטעריזירן דעם גאַנג און בייט פון די צייטן, ווי אין די דאָזיקע שורות פון „שטרויענעם ריטער:

שבתים קומען, שבתים גייען
און ס׳וויאַנעט אין לאַץ די ווייסע רויז.
....
די לעצטע צעטלעך פון קאַלענדאַר,
און די מאָדע בייט זיך גיך.
געפּאַסט איז דאָס קלייד, דער גירטל לאַקירט,
אויף הויכע קלעצלעך די שיך.
די לאַנגע שפּילקע נעמט מען אַרויס
און ס׳בלייבט די פּעדער אין הוט,
דער שולטייך טריקנט ביז ער טריקנט אויס
און דער סמבטיון רוט.
שבתים קומען, שבתים גייען
און ס׳ברענט אין האַרץ די אייביקע וואונד.

פון דער צווייטער זייט פלעגט ער זיך קאָנען מיט פיל פּאַטאָס צעזינגען וועגן דעם וואָס איז ווי „רויך פאַרגאַנגען״, אָבער וואָס פלאַטערט נאָך אין זכרון און גליט אין געמיט:

ווי רויך פאַרגאַנגען, ווי וואַסער אויסגעטריקנט,
און ווי דער שניי פון ניינצן אַכצן האָט מען באַלד פאַרגעסן.
מ׳האָט סעדער געטרעסעט, שפּאַצירן געגאַנגען
און אויף באַלקאָנען שפּעט געזעסן.

נאָך פלאַטערן אין ווינט צעפלאַמטע ווערטער,
און הייסע ליפּן בריען ווי צווי שטראָמען בלוט:
„צו בלייבן ווי דער שטויב אויף דיינע שיך,
צו שטאַרבן איצט אין דער מינוט״.

ווי רויך פאַרגאַנגען, ווי וואַסער אויסגעטריקנט,
און ווי אין וואַסער איז זיין געבליין פאַרפאַלן.
עס יאָגן שליטנס אויף קאַרניוואַלן,
און וועלדער קלינגען מיט דעמבענע ניסלעך.
בלוי דער פראָסט און שטערן פאַלן
אויף קליינע ציגיינערס באַרוויסע פיסלעך.

דאָס דאָזיקע געפיל פאַר דעם פאַרגאַנגענעם, אָבער ניט־פאַרגעסענעם, דאָס געפיל פאַר די בלויע וואונדער פון יוגנט־פאַנטאַזיעס, דאָס אידעאַליזירן

און באַזינגען דעם „ערשטן ווי פון ליבע", דאָס בלייבן ריטערלעך־געטריי דער דאַמע פון האַרצן, דאָס אַלץ האָט צוגעגעבן שטאָלצענבערג׳ס פּאָעזיע אַ ראָמאַנטישע פייערלעכקייט און דערהויבנקייט.

און שטאָלצענבערג איז אין תוך געווען אַ ראָמאַנטישער פּאָעט, ניט געקוקט אויף די אָפטע נאַטוראַליסטישע שטעלן אין זיינע לידער. אין דער אמת׳ן זיינען אפילו די נאַטוראַליסטישע שטעלן, ווען זיי זיינען נאָר ניט קיין צינז דער צייט, אָדער אַ רעזולטאַט פון שלעכטן געשמאַק, אַן אויסדרוק פון זיין ראָמאַנטישער פאַרליבטקייט אין לעבן און פון זיין ממש עראָטישער גלוסטונג צו די זינלעכע פאָרמען פון זאַכן.

אויב ער האָט פון דער היים פון נאָך די מלחמה־יאָרן מטיגעבראַכט מיט זיך דעם גרויל פון „אויסגעפליקטע יאָרן", פון „בייזע ווינטערס" און פון „רואינען", האָט ער אָבער אויך מיט זיך מיטגעבראַכט דאָס „שלאָגנדיקע האַרץ פון אַ אינגל וואָס גייט פון ערשטן ווי פון ליבע איינגעבויגן", מיטגעבראַכט מיט זיך דעם ריח פון צעבליטע סעדער און די ראָמאַנטיק פון פרילינגדיקע פאַרליבענישן. בלויז אַ ראָמאַנטיקער האָט געקאָנט אָנשרייבן אַזוינע שורות:

פון דיר ווי פון אַ שיין געבלענדט,
און פון אַ בלינדן כוח געצויגן,
ווי אַ נאַטכוואַנדלער בין איך געגאַנגען דורך דער וועלט,
און איין געדאַנק האָט אַלץ אין קאָפּ פאַרשטעלט,
און ס׳איז איין בילד געשוואומען פאַר די אויגן.

צי נאָענט צו דיר, צי ווייט פון דיר,
דיין אָטעם בריט און דיין באַריר.

דורך דיינע אויגן שווימען שטערן
און דיינע הענט ווי סאַמעט קילן,
אין מיינע אויגן טרערן, טרערן
פון גרויסן גליק נאָך אומעט שווערן.
מיין נאָמען פון דיין מויל צו הערן,
דיין אָטעם אויף מיין פּנים פילן.

צי נאָענט צו דיר, צי ווייט פון דיר,
דיין אָטעם בריט און דיין באַריר,
דו בליסט אין מיר און וואַקסט אין מיר.

אפילו דאָס שוין־דערמאָנטע ליד „בעטלער", וואָס איז אַזוי רעאַליסטיש און אַפילו נאַטוראַליסטיש אין די דעטאַלן, איז אין תוך אַ ראָמאַנטיש ליד. עס איז די אומגעווייִנטלעכקייט אין די בעטלער, זייער אַנדערשדיקייט, זייער מיסטעריעזער גורל, וואָס האָט אים פאַרכאַפּט. עס איז ניט אַזוי די שטיי־גערישע זייט פון די בעטלער, וואָס האָט זיך אייַנגעקריצט אין זייַן זכרון און האָט אים שפּעטער מיט יאָרן באַוואויגן אָנצושרייבן דאָס ליד, ווי „זייערע מילדע אויגן", זייער „גייען דורך גריבערדיקע וועגן דעם ווינט אַנטקעגן" און זייער „לוסט צום וואַנדערן". זייַנען דאָך וואַנדער־בעטלער, ווי וואַנדער־אַקטיאָרן, צירק־טרופּעס און ציגייַנער־קאַראַוואַנען געווען אַ טייל פון דער ראָמאַנטישער וועלט פון אַ אידישן אינגל אין אַ היימישן שטעטל.

דאָס ליד „בעטלער", דאָס ליד „צירקוס" (ז. 63) און אַנדערע לידער פון דעם מין, וואָס זייַנען אַזוי צו זאָגן פאַרלייגט געוואָרן אין שטאָלצענבערג'ן אין זייַנע קינדער־יאָרן געבן אגב אַ געלעגנהייט פאַר אַן אַריינבליק אין דער פּסיכאָלאָגיע פון זייַן שאַפן. ער האָט געהערט צום טיפּ דיכטער, וואָס די איינדרוקן פון די קינדער־יאָרן בלייבן אין זיי מיט דער גאַנצער פאַרביקייט און סודות'דיקייט.

ער האָט אין אַלע זייַנע לידער אויפבאַוואָרנט די אינגלשע פאַרחלומ'טקייט, דאָס געפיל פון וואונדער און פאַרגאַפונג. ווי ערדיש זייַנס אַ ליד זאָל ניט זייַן פאַרמאָגט עס אָבער שטענדיק דעם עלעמענט פון איבערערדישן חלום, דאָס געפיל פון ווייטקייט. ניט אין איין ליד האָט שטאָלצענבערג אויסגעדריקט דעם פאַרלאַנג זיך אָפּצורייסן פון אַלץ וואָס האַלט אים „געשמידט" צו דער אַלטעגלעכקייט, און זיך אַוועקלאָזן איבער דער וועלט דעם „גרויסן ראָד" ווי פון „גאָט גערופן". אין אַ ליד, וואָס ער האָט געדרוקט אין דער „צוקונפט" אין 1930, נאָר וואָס ער האָט אָנגעשריבן וואַרשייַנלעך מיט אַ פּאָר יאָר פריער, שרייבט ער, אַז „ווי אין חלום (גייט ער) אום" און אַז „אויפשטיין (וועט ער) אַמאָל באַנאַכט

מיט אַ שלאָגנדיקן האַרץ,
פאַרלאָזן די שלאָפנדיקע ברידער,
פאַרוואַרפן דעם שליסל, צערייסן די לידער,
און גיין אַקעגן ביטערע ווינטן,
און גיין צום ווייטן צפון —
גיך און זיכער און מיט אַן אָפן פנים
ווי פון גאָט גערופן.

און אין דעם ליד „בענקעניש", וואָס ער האָט אָנגעשריבן שוין כמעט אויף דער שוועל פון טויט, שרייבט ער:

בענקעניש פאַר דיר איז קיין באַהעלטעניש נישטאָ.
אין אַ פאַרוואָרפן דאָרף, צי אין אַ גרויסער שטאָט,
קומסטו אין אַ רעגנדיקן טאָג, אין אַן אומעטיקער שעה
און גראָבסט אַריין אין האַרץ זיך ווי אַ קראָט.
ענג ווערט די אייגענע הויט, אַ תפיסה דאָס אייגענע לייב. —
נישט דאָס טרויעריקע שמייכלען פון קינד, נישט די טרערן פון ווייב,
קענען דיך האַלטן צוגעשפּינט:
דאָס האַרץ נאָך שטורעם גאַרט און ווינט.

עס איז דאָס „שלאָגנדיקע האַרץ", וואָס „גאַרט נאָך שטורעם און ווינט", וואָס איז געווען דער קוואַל פון שטאָלצענבערג׳ס אינספּיראַציע, דער קוואַל פון דער ראָמאַנטישער באַזעלטקייט פון זיין ליד.

וואָס עלטער ער איז געוואָרן און וואָס ווינציקער שטייגעריש־נאַטוראַליסטיש זיין ליד איז געוואָרן, אַלץ מער אינעוווייניקסטן פּאָעטישן זין האָט עס באַקומען. עס הייבט ביי אים אָן קאָנטיק צו ווערן דער פאַרלאַנג צו דערגיין צום שורש פון זאַכן. ער ווערט ערנסטער, פאַרטיפטער. פון צייט צו צייט שרייבט ער אפילו אָן אַ ליד, וואָס האָט אין זיך ערגעץ אַ פילאָזאָפישן עלעמענט, ווי דאָס ליד „דענקמאָלס" ,ז. 99.

אויב אַן ענלעך ליד פון די פריערדיקע יאָרן ווי „וואָגנטבילדער" איז בלויז שילדערונג, וואָרטמאָלעריי, האָט שוין דאָס ליד „דענקמאָלס" אַ מער גייסטיקן און רעפלעקטירן כאַראַקטער. אין דעם ליד איז פאַראַן געדאַנק, אַ פּרואוו צו קומען צו עפּעס א מסקנא. מיט אַנדערע ווערטער — אין די „דענקמאָלס" איז פאַראַן ניט נאָר ראיה, נאָר אויך רעיון.

דאָס ליד איז, אין תוך גענומען, געבויט אויף אַ פּאַראַדאָקס. די „דענקמאָלס" וואָס שטייען אויף די גאַסן און סקווערן פון אַ גרויסער שטאָט ווי סימבאָלן פון געדענקלעכקייט, פון אומשטערבלעכקייט און אייביקן רום, זיינען אין תוך דאָס פאַרקערטע פון דעם. אין דער אמת׳ן באַטאָנען זיי גאָר די האָוועניש פון אַ גרויסער שטאָט, די פאַרטועקייט פון מענטשן אין קלייני־קייטן, די קורצקייט פון מענטשלעכן זכרון פאַר העלדן און העלדישע מעשים. דענקמאָלס וואָס מען האָט געשטעלט, כדי צו געדענקען, ווייזן אין דערווירק־לעכקייט ווי מען פאַרגעסט: „גלייכגילטיק און לייכטזיניק גייט דאָס פאָלק פאַרביי די „שטיינערנע דענקמאָלס אויף רוישיקע גאַסן". דאָס ליד גייט נאָך

ווייטער און ווייזט ווי די דענקמאָלס וואָס מען האָט געשטעלט צו באַזיגן די צייט, ווערן פון איר באַזיגט, און בכלל ווי קאָמיש עס זעען אויס די העלדן אין שטיין:

דער ווינט בלאָזט שטויב און זאַמד, פויגל שפּרינגען
אויף די וואָס זיינען איבער לענדער הויך געשטאַנען.
דער ווינט בלאָזט שטויב און זאַמד, קאַלטע רעגנטראָפּנס קלינגען
אויף שטאָלצע קעפּ פון מאַרטירער און טיראַנען.

שטאָלצענבערג האָט אויך אָנגעהויבן שרייבן לידער, וואָס אָפּגעזען פון זיין אייגענער כוונה, פילט מען אין זיי אַ טיפערן, סימבאָלישן מיין:

איך בין אַרויס אין אַ האַרבסטיקן קאַלטן רעגן
צו זען, צי איז דער ים אַרויס פון ברעג.
איך גיי דורך נאַסן גראָז דעם קאַלטן ווינט אַנטקעגן,
וואָס טרייבט ווי רויך דעם רעגן דורך יאָמערדיקע טעג.

אין פייכטן זאַמד גיי איך אַרום די זומפּן,
און קוק צי איז דיווילדע גאַנדז נאָך דאָ.
אויף אַ צעווייקטן שטאָם זיצט איינגעשרומפּן,
ווי אַ בייזע טרעפערקע די קראָ.

דער ים לויפט הויך און וויל דעם ברעג פאַרשלינגען,
דער ווינט רייסט פון וואַך־הויז ברעט נאָך ברעט.
איך גיי דורך טרערנדיקע טראָסטינעס און הער אַ קלאַנג
ווי גלעקער פון פאַרטרונקענע שטעט.

אוודאי איז דאָ יעדער אימאַזש קאָנקרעט און אָנשווילעך. שטאָלצענבערג האָט אַנדערש ניט געקאָנט ווי אויסדריקן זיינע איבערלעבונגען און אפילו רעיונות בילדלעך־קאָנקרעט. דאָס ליד האָט אָבער דאָך ערגעץ אַ סימבאָלישן, אפילו אַן אַלעגאָרישן מיין. עס איז אַ ליד פון געמיט. ניט געקוקט אויף דעם וואָס די שילדערונג איז אַזוי קאָנקרעט און לאָקאַליזירט, איז דאָס מער ווי אַ נאַטור־לאַנדשאַפט. עס איז אַ צייט־לאַנדשאַפט. דאָס ליד איז ניט נאָר אַ סעזאָן־ליד, נאָר אויך אַ צייט־ליד. עס בלייבט נאָך דעם איבערלייענען דאָס ליד אַ נאָכקלאַנג, אַ געפיל וואָס פירט אַוועק פון דעם האַרבסטיק־קאַלטן רעגן ביי דעם ים, צו האַרבסטיקע רעגנס פון ווייטערדיקע יאָמערדיקע טעג...

עס איז פאַראַן אין דעם ליד אַן אידענטיפיצירונג פון דעם דיכטער מיט דער וועלט און דער שטימונג פון יענער צייט. די „בייזע טרעפערקע די קראָ" קראַקעט אין דעם ליד און די יאָמערן ניט נאָר פאַר דעם דיכטער אַליין. ווען שטאָלצענבערג האָט דאָס ליד געשריבן האָט מען שוין

בחוש געקאַנט פילן די קאַטאַסטראָפעס, וואָס רוקן זיך אויף דער וועלט בכלל און אויף דער אידישער וועלט בפרט. אמת, שטאָלצענבערג פלעגט מאַכן דעם אַנשטעל אַז אים אינטערעסירן ניט קיין סאָציאַלע, אָדער פּאָליטישע פראַגן. אַז ער פלעגט זיך אַמאָל אַריינמישן אין אַ פּאָליטישער דיסקוסיע, פלעגט ער געוויינטלעך רעדן אויף פּאַרקערט, אָדער דאָס מיינט אָבער ניט אַז ער האָט ניט געוואוסט וואָס עס קומט פאָר, אָדער איז ניט געווען סענסיטיוו צו די גורל׳דיקע געשעענישן פון דער צייט...

דער זומפּ פון נודנע טעג

דאָס אַנטשיידנדיקסטע פאַר שטאָלצענבערג׳ן אין יענער צייט איז אָבער דער איבערברוך אין אים גופא. סיי פון רעדן מיט אים אליין, סיי פון זיינע לידער האָט מען געקאָנט זען און פילן, אַז עס קומט אין אים פאָר אַ טיפע און שווערע ענדערונג. זיינע לידער האָבן אָנגעהויבן צו אָטעמען מיט שווערער מרה־שחורה, מיט אַ געפיל פון אויסגאַנגלאָזיקייט פון כלו כל הקיצין.

ער איז עלטער געוואָרן און דאָס לעבן איז וואָכעדיקער געוואָרן. עס האָט אָפּט אויסגעזען ווי ער וואָלט זיך אויפגעכאַפּט פון אַ חלום. עס האָט זיך אָפּגעטאָן די גלאָריע, די פרייד און די באַרוישונג פון די ערשטע יאָרן פון שרייבן לידער. עס האָט זיך אויסגעוועפּט דאָס יום־טוב׳דיקע געפיל, אַז מען איז אַ פּאָעט, אַ באַהעם. עס איז פאַרביי די צייט פון די ערשטע דערפאָלגן, ווען ער איז, ווי ער דריקט זיך ערגעץ אויס אין אַ ליד:

> געגאַנגען צווישן רייען פריינט.
> יעדער האָט געהאַלזט אים און געוואונטשן,
> גליק אין זיינע אויגן האָט געשיינט.

עס איז געקומען אַנשטאָט דעם אַ צייט, ווען ער האָט זיך דערזען פאַר־לאָזן פון פריינט, ווען אַנשטאָט שיינען מיט גליק זיינען די „אויגן געוואָרן טרויעריקער, טרויעריקער״, ווען דאָס לעבן אַרום איז געוואָרן גרוי און וואָ־כעדיק און פול מיט קליינלעכע זאָרגן און ווען ער אַליין איז געוואָרן „פלאָ־טשיק ווי אַ הונט און ביזן גרונט פאַרלוירן״.

עס האָבן זיך פאַר אים אָנגעהויבן ניט נאָר „יאָמערדיקע טעג״, נאָר אויך „נודנע טעג״. די צווייטע האָבן אים געשראָקן נאָך מער ווי די ערשטע. זיין

ראָמאַנטישע און עקספּאַנסיווע נאַטור האָט באַזונדערס ניט געקאָנט שלום מאַכן מיט דעם, וואָס ער, וואָס איז אַמאָל

געגאַנגען דורך פייער, דורך געוויטער,
דורך קוילן, דורך שיכורע גזאַנגען,
דורך שטרענגע היטער —
איז אין אַ זומפּ פון נודנע טעג פאַרגאַנגען
(נודנע טעג ז. 85)

נאָך מער דערדריקט און צוגעדריקט האָט אים די „איינזאַמקייט", וואָס האָט זיך „צעלייגט מיט אַ ריח פון שימל איבער דער שטוב", וואָס איר „אָטעם איז אַ פּראָסטיקער הויך, וואָס פאַרגיסט דאָס בלוט מיט סם" — יענע איינזאַמקייט צו וועלכער ער האָט מיט אַזויפיל יאוש אויסגערופן:

איינזאַמקייט, איך ווער אין דיינע גרעניצן פאַרשלאָסן
ווי א טרונע. איך צאַנק, איך זינק אין פינסטערניש.
(איינזאמקייט ז. 91)

איך בין ניט מסוגל אַריינצוגיין אין אַ פּסיכאָלאָגישן אַנאַליז פון די שטימונגען, וואָס האָבן אים דאַן מיט אַזאַ פאַרניכטענדיקער קראַפט באַהערשט. איך ווייס בלויז פון מיין קאָנטאַקט מיט אים, אַז ווען ער איז געווען אַרומגערינגלט מיט ליבשאַפט און אָנערקענונג, האָט ער די גאַנצע צייט מורא געהאַט אַז דאָס וועט לאַנג ניט אָנהאַלטן. ער האָט זיך ווי געשראָקן, אַז מען וועט זיך איין טאָג כאַפּן, אַז מען האָט געמאַכט אַ טעות, אַז דער גאַנצער יום־טוב איז גאָרניט געמיינט פאַר אים.

מער פון אַלץ האָט ער געשראָקן אַז די חברים וועלן אים פאַרראַטן, אָדער פאַרלאָזן. ער האָט געהאַט אַ מין באַזונדערע ראָמאַנטישע פאַרשטעלונג וועגן חבר'שאַפט. צו האָבן חברים און געטרייע פריינט איז ביי אים ווי געווען אַ סימן פון אָנזען, פון זיכערקייט. ער האָט אָבער געזוכט מער ווי אַ חבר. ער האָט געוואָלט אַן עלטערן ברודער און אַ באַשיצער. אין דעם אופן ווי ער פלעגט זיך באַרימען און איבערנעמען מיט דער „גבורה" פון זיינעם אַ חבר און אין דעם אופן ווי ער פלעגט סטראַשען, אַז נישקשה ניט, זיין חבר וועט זיך שוין פאַר אים אָפּרעכענען, איז געווען אַ סך אינגלשקייט און ניט ווייניק אָנשטעל. אָבער אינגאַנצן קיין אָנשטעל איז דאָס ניט געווען. ער האָט באמת געגאַרט נאָך באַשיצונג, נאָך ליבשאַפט און וואַרימקייט. באַזונדעסס שטאַרק האָט ער ליב געהאַט צו זען ווי מען איז אים מוחל אַלע זיינע חסרונות, ווי

אַ מענטש, צוליב זיינע מעלות ווי אַ פּאָעט. אַז ער פּלעגט זען ווי מען איז אַנטציקט פון זיינס אַ ליד, אָדער ווי מען קוועלט־אָן פון זיינע חכמות, איז ער געווען ממש שיכור פון גליק. עס האָט אים ניט געאַרט, וואָס מען באַטראַכט אים ווי אַ אינגל, אַבי מען האָט אים ליב.

ער האָט דעריבער וואָס לענגער געוואָלט פּאַרציען די אינגלשקייט אין זיך, פאַרלענגערן די ראָל פון אַ בנימין, אַ געפּעסטשעטן מוזיניק צווישן די חברים. אייביק האָט דאָס אָבער ניט געקאָנט אָנהאַלטן. עס איז געקומען די צייט, ווי מאיר שטיקער דריקט זיך אויס אין אַ ליד, וואָס האָט אַ שטיקל שייכות צו דעם ענין, ווען עס האָבן אָנגעהויבן פון „צופיל נאָענטקייט צו שפּרינגען די ערשטע שפּליטער". חברים זיינען געוואָרן עלטער און טרוד מיט זיך אליין. און ניט נאָר אַנדערע, נאָר ער, שטאָלצענבערג אליין, האָט פון זיך אָנגעהויבן צו פאָדערן מער. ער אליין האָט דערפילט, אַז עס איז געקומען די צייט צו ווערן ערנסטער, דערוואַקסענער, רייפער און אַז דער אינגלשער אָנשטעל קאָן לענגער ניט גילטן.

נאָך שווערער איז אים אָבער אָנגעקומען שלום צו מאַכן מיט דער וואָכעדיקייט און פּראָזאַאישקייט פון זיין לעבן. עפּעס איז ביי אים אויסגעקומען, אַז אָן יום־טוב, אָן דעם „רױשן ווי וועלדער אויף פאַרנאַכטיקע שפּאַצירן" האָט דאָס שרייבן גאָר קיין זין ניט. און ווי שטאַרק ער האָט זיך טאַקע געגוייטיקט אין יום־טוב'דיקייט און באַרוישונג, אין עקסטאַז, אין באַזונדערער עמאָציאָנעלער אויפגעוועקטקייט און אויפגערוימטקייט ווי אַ קעגנגיפט געגן דער פּראָזע פון לעבן, וואָס האָט אים אָנגעהויבן אַריינזויגן אין זיך ווי אין אַ „זומפּ פון נודנע טעג", קאָן מען זען פון דעם דאָזיקן ליד:

דער קאָפּ ווערט הייס, דאָס האַרץ שלאָגט פרייער.
פיינלעכע וואָר אַנטלויף, אַנטלויף!
שטאַרקער בראַנפן אונטער דיין פייער
לויכטן די אויגן ווידער אַמאָל אויף.

פון שטויב בין איך געווען גרויער,
און פון אַ הונט אין היצלס האַנט.
ווי פון אַ זומפּ — פון טיפן טרויער
שטיי איך באַפרייט אויף זיכער לאַנד.

און איך בלי אויף און איך גיי ווידער
דורך יענע זילבערנע ווינטער־נעכט:
פון שליטנס טראָגן זיך שיכורע לידער.
דער טרוקענער שניי די צווייגן ברעכט.

די ליפּן פריש ווי רויזן בליען,
דאָס האַרץ שטראַלט פון פאַרליבטן בליק,
צום לעצטן מאָל די אויגן גליען
אין שיין פון לאַנג־פאַרגאַנגענעם גליק.

געטרייע הענט ווי פליגל שפּרייטן
אַרום מיר איצט אַ זיסע רו.
אין שטויב צעפאַלן זיך די קייטן,
וואָס בינדן מיך צו זאַכן צו.

דאָ קאָן מען קלאָר זען, וואָס עס האָט שטאָלצענבערג׳ן געפעלט אין יענע שווערע און „נודנע" טעג. עס האָט אים געפעלט די ראָמאַנטישע באַרוישונג, דאָס געפיל פון עקסטאַז, די פרישקייט און דירעקטקייט פון יוגנטלעכער שפּי־רונג, איינגלש גליק און פאַרליבטקייט און „געטרייע הענט", וואָס זאָלן אים באַשיצן און ווי „פליגל שפּרייטן... אַ זיסע רו". דאָס ליד האָט אין זיך נאָך אַלץ שטאָלצענבערג׳ס בילדלעכע פרישקייט. עס איז אָבער פּסיכאָלאָגיש גע־נומען אַן אויסדרוק פון וועלקונג. עס דערציילט און זאָגט עדות אויף דעם „זומפּ פון טיפן טרויער", וואָס האָט אים דאַן באַוועלטיקט און אויף דעם פּרואוו זיך צו ראַטעווען פון דעם „זומפּ" צוריק אויף „זיכער לאַנד".

ער האָט זיך געשראָקן, אַז אין „זומפּ פון די נודנע טעג" גייט דער דיכ־טער אין אים צו גרונט, אַז ער ווערט־אָן יענעם וואונדערלעכן כוח, וואָס מאַכט אים פאַר דעם האר און ניט דעם שקלאַף פון זאַכן. ער האָט דעריבער ניט אויפגעהערט צו זוכן יענעם שם־המפורש, וואָס זאָל מאַכן אין „שטויב צעפאַלן די קייטן", וואָס האָבן אים צוגעבונדן צו די „זאַכן" פון דער נודנער טאָג־טעג־לעכקייט און וואָס זאָל אים אַוועק׳כישוף׳ן פון דער „פּיינלעכער וואָר". נאָ־טירלעך, אַז דאָס „פּייער פון שטאַרקן בראַנפן" (מ׳שטיינס געזאָגט וואָס פאַר אַ טרינקער ער איז געווען) האָט ניט געקאָנט ווערן דער שם־המפורש.

ער איז דעריבער געוואָרן אַלץ אָפּהענטיקער, אַלץ יאוש׳דיקער:

דער טיש מיט קאַלטער טיי פאַרגאָסן,
אַש און אַש און שטיקלעך פּאַפּיראָסן.
אַנגעוואָרפענע זאַכן — אַלט און אָפּגעקראָכן.
דאָס הענטל פון דער טיר איז אָפּגעבראָכן,
און ס׳ציט דער ווינט ווי דורך אַ ליידיק הויז.
מיין מאַנטל ווי אַ בעטלער׳ס מאַנטל זעט איצט אויס.
וואָס שמידט מיך צו דעם נאַקעטן דיל, וואָס טו איך דאָ?
ווייזערס גליווערן אויף אַ לאַנג־פאַרגאַנגענער שעה.

(שאַ)

דאָס דאָזיקע קורצע, אָבער מערקווירדיקע ליד, וואָס באַשטייט אינגאַנצן פון דער „שפּראַך פון זאַכן" מיט דעם אומגעריכטן פול מיט טראַגיק אָנגעלאָדענעם אימאַזש אין דער לעצטער שורה — האָט שטאָלצענבערג געדרוקט ערשט אין 1940. נאָר אויב אפילו עס איז ניט אָנגעשריבן געוואָרן פריער, געהערט עס אָבער לויט דער שטימונג צו דער עפּאָכע פון די „נודנע טעג", וואָס האָבן זיך ביי שטאָלצענבערג'ן אָנגעהויבן אַרום 1932. מיט יעדן טאָג האָט ער געזען ווי ער זינקט אַלץ מער און מער אין דעם „זומפּ פון נודנע טעג" און אַזוי ווי ער איז ניט געווען קיין דיכטער פון סתם וויינען און קלאָגן, פון סתם שרייבן לידער פון אומעט (דאָס איז פאַר אים געווען נאָך נודנער ווי די נודנע טעג) האָט ער מיט דער צייט אינגאַנצן אויפגעהערט צו שרייבן.

ווען איך לאָז פאַר זיך איצט דורכגיין די יאָרן פון מיין נאָענטער חבֿרשאַפט מיט שטאָלצענבערג'ן, שיינען מיר צו זיין די סאַמע טרויעריקסטע די פינף יאָר צווישן 1933 און 1938, ווען ער האָט אינגאַנצן, אָדער כמעט אינגאַנצן גאָרניט געשריבן.

וויפל מען זאָל ניט מיינען אַז מען ווייסט, ווייסט מען נאָך מסתמא אַלץ ניט באַשטימט פאַרוואָס איינער הייבט־אָן, הערט־אויף און הייבט ווידער אָן צו שרייבן. דאָס זיינען זאַכן וואָס זיינען אפילו פאַר דעם בעל־דבר אליין פאַרהוילן. געוויס זיינען די אויבן־אָנגעגעבענע סיבות ניט די איינציקע וואָס האָבן געפירט צו דעם ,אַז שטאָלצענבערג זאָל מיט אַמאָל אויפהערן צו שרייבן אין דער עלטער פון וואָסערע 28 יאָר, אפשר די סאַמע פּראָדוקטיווסטע יאָרן ביי אַזאַ באַרופענעם דיכטער, ווי ער איז געווען. מעגלעך אַז שולדיק אין דעם איז געווען זיין דענצמאָלטיקער שפּל'ער עקאָנאָמישער צושטאַנד און פאַרשיידענע פאַמיליע־"שוועריקייטן. און דאָס אַרבעטן זיינס אויף אַ רעליף־פּראָיעקט ,מיט אירלענדישע שיכורים, ווי אַן אויפקלייבער פון בלעטער און פּאַפּירלעך אין אַ שטאָטישן פּאַרק, איז אויך מסתמא ניט געווען קיין סגולה צו שרייבן אידישע לידער.

מען וואָלט אויך געדאַרפט האָבן אין זינען דעם פאַקט, אַז שטאָלצענבערג איז דערעיקרשט געווען דער פּאָעט פון שטעטל, יעדנפאַלס האָט ער אָנגעהויבן ווי אַזאַ. נאָך אַ צייט פון אָפּזיין אין אַמעריקע, וואו ער איז געקומען זייער יונג, האָט זיך דאָס שטעטל גענומען ביסלעכווייז אָפּרוקן און די שטעטלטעמאַטיק אויסוועפּן. ער האָט זיך אין די עטלעכע יאָר אַ היבש ביסל דערווייטערט פון שטעטל, אָבער ניט גענוג דערנענטערט צו דער אַמעריקאַנער

סביבה. בכלל האָט די אַמעריקאַנער טעמאַטיק כמעט ווי ניט עקזיסטירט פאַר די אידישע פּאָעטן פון די צוואַנציקער יאָרן, וואָס האָבן זיך דערעיקרשט גענערט מיט זכרונות און בענקשאַפט צום שטעטל.

שטאָלצענבערג האָט ניט נאָר אליין ניט ליב געהאַט צו שרייבן, נאָר ער האָט בכלל ניט געקאָנט פאַרטראָגן קיין לידער וועגן שאָפּ, וועגן הימלקראַ־צערס, אונטערבאַנען און איבערבאַנען, אָדער ווי מען האָט זיי גערופן „אור־באַניסטישע לידער". ניט זיין געמיט, ניט זיין לשון, ניט זיין בילד, וואָס האָט דעריקרשט געוואָרצלט אין דער היימישער סביבה און לאַנדשאַפט, האָבן זיך געפּאַסט פאַר דער אורבאַניסטישער טעמאַטיק.

עס שאַדט אויך ניט צו האָבן אין זינען, אַז פאַר די פּאָעטן וואָס האָבן אָנגעהויבן צו שרייבן נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, איז דאָס איבערוואַנ־דערן קיין אַמעריקע, צוליב סיבות וואָס דאָ איז ניט דאָס אָרט וועגן זיי צו רעדן, בכלל ניט געווען קיין טובה. זיי האָבן זיך געניטיקט אין דער היימישער סביבה און ווירקלעכקייט כדי אָנצוהאַלטן זייער שעפעריש־קייט און פּראָדוקטיוויטעט און צו געבן די פולע מאָס פון דעם וואָס זיי זיינען געווען באַרופן צו געבן. פון אַ ריין־ליטעראַרישן שטאַנדפּונקט וואָלט אפשר געווען בעסער פאַר די פּאָעטן, ווען זיי בלייבן אין דער אַלטער היים. מען מעג צווייפלען, אויב אַ יחיאל לערער וואָלט אין אַמעריקע געווען אָנגעשריבן זיין גרויסע פּאָעמע „מיין היים". מען מעג אויך צווייפלען אויב די דיכטער פון דער „ווילנער גרופּע" וואָלטן אין אַמעריקע געווען געוואָרן דאָס וואָס זיי זיינען געוואָרן אין ווילנע. בכלל איז די העגעמאָניע פון דער אידישער פּאָעזיע נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה צוריק אַריבער פון אַמעריקע קיין אייראָפּע.

עס איז אַ פאַקט, אַז דיכטער פון דעם זעלבן דור און עלטער, וואָס זיינען נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה געבליבן אין דער אַלטער היים, ווען זיי זיי־נען אפילו ניט געווען קיין גרעסערע טאַלאַנטן, האָבן אויפגעטאָן מער, ווי די דיכטער וואָס האָבן אויסגעוואַנדערט און אָנגעהויבן שרייבן אין אַמעריקע. די דיכטער אין דער אַלטער היים האָבן צווישן דער ערשטער און צווייטער וועלט־מלחמה געגעבן גאַנצערע, מער אַרומנעמענדיקע, מער איינהייטלעכע און אידייאיש מער באַזינטע ווערק. ערגעץ זיינען זיי געווען רייפער, דער־וואַקסענער, מער דורכגענומען מיט אחריות פאַרן כלל און זיין היסטאָרישן גורל.

די יונגע דיכטער, וואָס זיינען געקומען קיין אַמעריקע אין די צוואַנציקער יאָרן, ספּעציעל די פון שטאָלצענבערג׳ס קרייז, האָבן פון זיך אַראָפּגעוואָרפן אַלע עול׳ן, ריכטיקער — זיך ניט געוואָלט איינשפּאַנען אין קיין עול׳ן. אויסער ווי גיין אַמאָל צו אַן אונטערנעמונג אויף פרייע בילעטן, האָבן זיי זיך כמעט ווי ניט אָנגעקערט מיט אַלע סאָציאַלע אָדער נאַציאָנאַלע באַוועגונגען אויף דער אידישער גאַס אין אַמעריקע. דאָס קאָן מען אפילו ניט זאָגן וועגן די „יונגע״, די אינדיווידואַליסטן פאַר עקסעלאַנס. זיי האָבן ווייניקסטנס געהאַט אַ באַוואוסטזיניק־נעגאַטיווע באַציאונג, זיי זיינען, אַזוי צו זאָגן, פּראָגראַמאַטיש געווען אַנטי, אָדער אַסאָציאַל. עס האָט זיי אינטערעסירט ניט צו זיין פאַראינטערעסירט אין דעם וואָס האָט זיך געטאָן אַרום זיי. די אינגערע האָבן זיך גלאַט ניט אינטערעסירט, אָדער גאָר מבטל געווען די גאַנצע זאַך. זייער הויפּט־אינטערעס, וואָס האָט זיך געגרעניצט מיט עכטער ליידנשאַפט און אי־דעאַליזם, איז געווען דאָס ליד. דאָס וואָלט געווען גענוג, ווען אויך אין דעם פּרט זאָל מען שוין ניט געווען אָנהייבן אָנווערן דעם גלויבן, און מיטן גלויבן אויך דעם שעפערישן דראַנג און אימפּעט. מען איז אַרומגעגאַנגען פּועל־בטל און געוואָרט אויפן ליד ווי אויף אַ נס, ווי אויף מן אין מדבר.

דאָס אַלץ האָט ניט געלאָזט וואַקסן, ניט געלאָזט רייף ווערן. מען האָט זיך ניט גענומען ערנסט און מען האָט זיך געשראָקן צו ווערן דערוואַקסענע און פאַראַנטוואָרטלעכע מענטשן. שלייפן האָבן שוין געגרויט און מען האָט זיך נאָך געהאַלטן און אויפגעפירט ווי אינגלעך.

עס איז אוודאי ניט שייך צו זאָגן, אַז די שולד איז געווען אינגאַנצן אַ סוביעקטיווע, איז אינגאַנצן געלעגן אין די פּאָעטן אַליין. געווען גענוג אָביעקטיווע סיבות וואָס האָבן גורם געווען אַזאַ צושטאַנד. דער אמת איז, אַז גראָד די טאַלאַנטירטערע פּאָעטן, די קינסטלעריש מער אויפריכטיקע און געוויסנ־האַפטיקע צווישן דעם אינגערן דור, זיינען געשטאַנען פון דערווייטנס און ניט געהאַט קיין צוטרוי צו די קולטוריסטישע און אַנדערע באַוועגונגען אויף דער אידישער גאַס. גראָד זיי זיינען געווען די אַפּהעטיקע, די פּעסימיסטישע, די וואָס האָבן געצאַנקט און כמעט צו־גרונט געגאַנגען, בעת די צום ווינציקסטנס באַגאַבטע, די צופּאַסלער, זיינען געווען האָפּערדיקע און האָבן מיט זייערע בלעכענע לידער געטרומייטערט אויף אַלע פאַראייניקטע און געשפּאָלטענע פראָנטן. אָבער ניט אין דעם גייט עס איצט...

אין די פינף יאָר, וואָס שטאָלצענבערג האָט ניט געשריבן, האָט ער כמעט ווי ניט גערעדט וועגן דעם, וואָס ער שרייבט ניט. און אַז עס פלעגט שוין אַמאָל קומען צו רייד פלעגט ער עס אָוועקמאַכן מיט דער האַנט, ווי אַן אומ־וויכטיקע זאַך. אָפּן זיך נעמען צום האַרצן פון דעם וואָס מען שרייבט ניט האָט געפּאַסט פאַר די „ליטעראַטן" און צו גילטן אַלס „ליטעראַט" איז כמעט געווען נאָך ערגער ווי צו גילטן אַלס „אינטעליגענט".

עס איז אָבער קיין ספק ניט, אַז אין דער שטיל, מען קען זאָגן אין גע־היים, האָט ער זיך דווקא יאָ גענומען צום האַרצן פון דעם, וואָס ער האָט אויפ־געהערט צו שרייבן. ער, וואָס פלעגט געוויינטלעך „אויסלייגן אַ ליד אין קאָפּ", איידער ער האָט עס אויפגעשריבן, האָט מסתמא ניט איין ליד אָנגעהויבן אין „קאָפּ" און ווען ער האָט דערפילט אַז עס „לייגט" זיך ניט אויס, עס פאַרוואָרפן, ניט איבערלאָזנדיק פון דעם קיין שפור אויף פּאַפּיר. געבליבן איז פון יענער צייט בלויז די באַלאַדע „דער טויט פון דזשאַני פאָקס". דאָס איז אַ באַלאַדע אויף אַן אַמעריקאַנער טעמע, וואָס ער האָט וואַרשיינלעך אָנגעשריבן אונטערן איינדרוק פון זיינע באַגעגענישן אין שענקען מיט איירישע שיכורים, בעת ער האָט געאַרבעט אויף די שטאָט־פּראָיעקטן.

די דאָזיקע באַלאַדע, אגב ניט קיין פאַרענדיקטע, יעדנפאַלס האָט זי לויט דעם פּלאַן וואָס שטאָלצענבערג האָט פאַר מיר אַנטוויקלט, געזאָלט זיין אַ לענ־גערע און מער קאָמפּליצירטע זאַך, — ווייזט אַז ער האָט ניט אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן לידער, געזוכט נייע טעמאַטיק און אַן אויסוועג פון זיין ניט־שרייבן.

די לעצטע לידער

ערשט, אָבער, סוף 1938 האָט שטאָלצענבערג געבראָכן זיין פינף־יאָריק שווייגן מיט אַ ליד „פון שלאָף מיך אויפגעוועקט“, וואָס שילדערט אין דער פאָרם פון אַ מאַנאָלאָג די איבערלעבונגען פון איינעם, וואָס די נאַציס האָבן פלוצים אין מיטן דערנאַכט אַרעסטירט. עס איז דעריבער מעגלעך, אַז די טראַגישע געשעעניש פון יענער צייט האָבן אים, אַזוי צו זאָגן, „אויפגעוועקט פון שלאָף“. עס האָט אויך פּאַסירט, אַז אַרום יענער צייט איז קיין אַמעריקע געקומען זיין בן־עיר, דער פּאָעט און איצטיקער מיטאַרבעטער פון „טאָג“, ירמיהו העשעלעס.

עס וואָלט זיך ניט געוואָלט איבערטרייבן אין דעם פּרט. מען קאָן אָבער ניט פאַרזען די שייכות, אָדער ווינציקסטנס דעם צוזאַמענפאַל פון העשעלעס קומען קיין אַמעריקע און שטאָלצענבערג׳ס באַנייטן שרייבן. פאַראַן אפילו אַזוינע וואָס האַלטן, אַז העשעלעס׳ קומען קיין אַמעריקע איז געווען דער וויכ־טיקסטער און אַנטשיידנדיקסטער פאַקטאָר אין דעם וואָס שטאָלצענבערג האָט גענומען ווידער שרייבן.

שטאָלצענבערג האָט זיך צוגעכאַפּט צו זיין בן־עיר ווי צו אַ קוואַל פון מים חיים. ער האָט אָנגעהויבן מיט אים צו פאַרברענגען זיין גאַנצע פרייע צייט. אַז ער פלעגט שוין אַמאָל אָפּרייסן אַביסל צייט פאַר זיינע פריערדיקע חברים, האָט ער מיט זיי מערסטנס גערעדט וועגן העשעלעס׳ן, איבערדער־ציילט זיינע מעשיות און חכמות. איך געדענק שוין ניט וועגן וואָס די חכמות זיינען געווען, אָבער די מעשיות האָבן דערעיקרשט געהאַט צו טאָן מיט גלינע, דעם שטעטל אין גאַליציע פון וואַנען, נוצנדיק אַן אויסדרוק פון שטאָלצענ־בערג׳ס אַ ליד, „דער גורל (האָט זיי ביידע) צו פרי פאַרטריבן, נאָך איידער עס איז אויפגעגאַנגען (וואָס זיי האָבן) פאַרזייט“.

פאַר שטאָלצענבערג׳ן זיינען העשעלעס׳ גרוסן און מעשיות פון גלינע געווען ניט נאָר אַ מין רייזע צוריק אַהיים, נאָר אויך אַ רייזע צוריק אין זיין קינדהייט און פריסטער יוגנט. ער האָט ווידער אָנגעהויבן צו רעדן אַן אולטראַ־

גאַליציאַנישן אידיש. מיט עפּעס אַ באַזונדערער פרומער כוונה האָט ער זיך גענומען היטן פון באַנוצן אַ וואָרט מיט דער אָנגענומענער ליטעראַרישער אויסשפּראַך, גענומען מיט אַ אײַפער ווײַכן פון „שראַבערישן לשון‟, ווי זײַן פאָטער האָט עס גערופן.

שטאָלצענבערג איז עפּעס געוואָרן ווי נײַ־געבוירן. ער איז געוואָרן מונ־טערער, אויפגעלייגטער. עס האָט אויסגעזעען, ווי ער וואָלט אין זיך ווידער אויפגעשלאָגן דעם קוואַל פון יוגנטלעכע אײַנדרוקן און איבערלעבונגען. ער האָט ווידער אַמאָל אָנגעהויבן איבערצולעבן די טעג ווען „די ליפּן זײַנען געווען פריש און דאָס האַרץ האָט געשטראַלט פון פאַרליבטן גליק‟. ניט נאָר האָט ער צוריק געפונען זײַן טעמע, נאָר זיך אַליין דעם פּראָטאַגאָניסט, אָדער „איך‟ פון זײַן ליד. ער האָט צוריק געפונען דאָס אינגל וואָס איז געווען דער העלד און דער צענטער פון זײַנע ערשטע לידער.

די גאַנצע אָפּטיילונג אין בוך אונטערן נאָמען „דער טאָג־בוך פון שטרוי־ענעם ריטער‟, דאָס גאַנצסטע און אויסגעפּלאַנירטסטע, אויב ניט דאָס בעסטע, וואָס ער האָט אָנגעשריבן, און אַרום אַ צענדליק אַנדערע לידער האָט ער גע־שאַפן אונטער דער ווירקונג פון דעם דאָזיקן גײַסטיקן „צוריקקער אַהיים‟. און ווי פּראָדוקטיוו ער איז געוואָרן איז צו זען פון דעם, אַז פון די 110 לידער, וואָס זײַנען אַרײַן אין בוך, האָט ער איבער אַ דריטל אָנגעשריבן אין די צוויי יאָר פון זײַן באַנײַטן שרײַבן — די לעצטע צוויי יאָר פון זײַן לעבן.

עס איז ניט שייך צו זאָגן, אַז אין דעם „טאָג־בוך פון שטרויענעם ריטער‟ און אין די אַנדערע אײַנצלנע לידער פון יענער צײַט האָט זיך שטאָלצענבערג באַוויזן ווי אַ נײַער דיכטער. אמת, ער איז אין די לעצטע פּאָר יאָר פון זײַן לעבן געוואָרן ערנסטער און אינטעלעקטועל רײַפער. ער האָט זיך גענומען אָפּן אינטערעסירן מיט זאַכן, וואָס האָבן אים ביז דאַן ניט אינטערעסירט. אָדער ער האָט זיך געמאַכט, אַז זיי אינטערעסירן אים ניט. ער איז געוואָרן ערנסטער און פאַרזיכטיקער ביים אַרויסזאָגן מיינונגען וועגן פּאָליטישע, סאָ־ציאַלע און ליטעראַרישע פראַגן. ער האָט זיך גענומען מיט התמדה און מיט גרויס פּעולה צום תנ״ך, צו די אידישע קלאַסיקער, באַזונדערס צו שלום־עליכמ׳ען און פּרצ׳ן. ספּעציעל סימפּאַטאַטיש איז געווען זײַן געענדערטער קוק אויף פּרצ׳ן. „ווייסט — האָט ער מיר אָנגעהויבן זאָגן — פּרץ איז גאָר ניט אַזוי שלעכט ווי איך האָב געמיינט‟. פריער האָט ער אויף פּרצ׳ן געקוקט מיט לאַנדוי׳ס אויגן, אויב ער האָט אים בכלל געלייענט. ער האָט אין אַל־

געמיין זיך אָנגעהויבן באַפרייען פון די קאַפּע־אורטיילן און פאַראורטיילן. די „יונגע" האָבן אויפגעהערט פאַר אים צו זיין די לעצטע פּוסקים אין ליטע־ראַרישע ענינים. אין פּרט פון זיין געענדערטער באַציאונג צו די „יונגע" האָט ער אפילו אָנגעהויבן אַריבערצוכאַפּן די מאָס...

ער איז אָבער קיין אידייען, אָדער פּראָבלעמען־דיכטער ניט געוואָרן. ער איז געבליבן דער דיכטער פון טעמפּעראַמענט, פון געפיל, פון בילד. ווי אין די פריערדיקע, אַזוי אויך אין די נייע לידער, פילט מען זיין הייסן אָטעם, דעם וויטיק, דעם גליאיקן פּאַטאָס, וואָס שמעלצט איינדרוקן, איבערלעבונגען, דער־פאַרונגען און פאַרוואַנדלט זיי אין דראַמאַטישע מאָנאָלאָגן, אין אָנשווילעכע בילדער. ווי פריער צייכענען זיך זיינע לידער אויס מיט זייער אויפגערוימט־קייט און ניט סימולירטער אינספּירירטקייט. ווי פריער פילט מען אין די לידער די גלוסטונג צו זינלעכע פאָרמען פון זאַכן, ווי אויך דאָס איידעלע פּאָעטישע געפיל פאַר זייער שיינקייט און דעקאָראַטיווקייט. און ווי אין די פריערדיקע לידער, אַזוי אויך אין די נייערע, טרעפט מען ניט־באַארבעטע שטעלן, ניט גענוג אויסגענוצטע, אָדער אַנטוויקלטע איינפאַלן, ניט פּראָפּאָר־ציאָנעלע טיילן און ניט ביז צום סוף דורכגעפירטע פּלענער.

בלויז דער טרויער אין די נייע לידער איז שטאַרקער, אינטענסיווער, אויב ניט אינגאַנצן ניי. איצט ווייסט ער שוין אויף געוויס, אַז אַלץ, וואָס האָט אַמאָל זיין לעבן געגעבן אַ יום־טוב׳דיקן זין, איז צוזאַמען מיט זיין יוגנט אַוועק זיך מער ניט אומצוקערן.

וועגן וואָס ער זאָל אין די לידער ניט רעדן, וואָס די טעמע זאָל ניט זיין, איז דער אינעוויניקסטער טאָן אַזאַ עלעגישער, אַזאַ רעזיגנירטער, אַזאַ איידל־פאַרקלערטער און סובטילער. עס איז שוין ניט יענער אינגלשער, ממש וויל־דער טרויער, וואָס איז גיכער געווען דער „וויטיק פון ווערן צייטיק". עס איז אויך ניט דאָס אַנגסט־געפיל, וואָס באַפאַלט אַ זייער יונגן מענטשן אַזוי אומבאַ־וואוסט און פּלוצים. עס איז שוין דער טרויער פון אַ רייפערן, געפּרואווטן און געליטענעם מענטשן. עס איז דער טרויער פון איינעם וואָס האָט „געליבט און אָנגעוואוירן", פון איינעם וואָס האָט עפּעס אַנטשיידנדיקס דערבליקט אין גאַנג און בייט פון לעבן און וואָס ווייסט שוין ווי די „אַרויסגעלאָזטע פון שפּי־טאָלן" בלויז „שמייכלען מיט די ווינקלען פון דעם מויל און וועט שוין קיינמאָל מער הויך ניט לאַכן".

די איבערלעבונגען און איבערקלערענישן אין די עטלעכע יאָר שוויגן האָבן געלייגט זייער חותם אויף שטאָלצענבערג'ן אפילו ווען זיי האָבן זיין דיכטערישן טעמפּעראַמענט תוכ'יק ניט געענדערט. עס איז שוין ניטאָ אין די לידער יענער רויש און באַרוישונג פון „אויף יאַגד קומט אַרויס קאַמעראַדן", נישטאָ די מאַגישקייט, דער נאַכטוואַנדלערישער היפּנאָז פון דעם אַמאָליקן ליד „די לבנה". אין די נייע לידער האָט די לבנה שוין גאָר אַן אַנדער פונקציע. עס איז שוין ניט אַזוי איר כישוף אין פּרט פון „אַרויסציען דאָס האַרץ ביי שלאָפנדיקע אינגלעך" ווי איר היילן „פאַרברענטע הערצער", וואָס ווערט באַטאָנט:

לבנה־שיין האָט זיך צעגאָסן
ארום דער שטאָט אויף אַלע וועגן.
פאַרברענטע הערצער אויפגעשלאָסן
ווי בלומענבעכער נאָך אַ רעגן.
(וואַסער קאַפּעט פון די פלומפן ז. 120)

רייפער און קלערער קומט אויך אין די נייע לידער צום אויסדרוק זיין געפיל פון מיטלייד מיט מענטשן. ער קאָן אויך מיט אַ זיכערער האַנט שיל־דערן די טראַגעדיע פון אַ מענטשן, זיך בעסער ספּראַווען אויפן שטח פון אַ קורצן ליד מיט די מאָטיוון וואָס ברענגען איינעם צו פאַרצווייפלונג, ווי אין דעם ליד „די לעצטע ווערטער פון מאיר באום", דעם מזרח־גאַליצישן פּאָעט, וואָס האָט זיך גענומען דאָס לעבן.

נאָך מער ווי אין די באַזונדערע לידער, וואָס ער האָט דאַן אָנגעשריבן, זעט מען דאָס אין דעם „טאָג־בוך פון שטרויענעם ריטער", וואָס כאָטש עס באַשטייט פון באַזונדערע לידער, האָט עס אָבער געזאָלט זיין ניט קיין זאַמ־לונג פון לידער, נאָר אַ פּאָעמע. די לידער זיינען בלויז באַזונדערע מאָמענטן אין דער ביאָגראַפיע פון דעם העלד, וואָס ווערט אין דעם „טאָג־בוך" אַרויס־געפירט.

דאָס ערשטע ליד אין דעם „טאָג־בוך" איז דאַטירט 1־טער יאַנואַר, 1900. עס האָט אַזוי אַרום געזאָלט זיין די ביאָגראַפיע פון אַ מענטשן פון אונזער דור. די כלומרשטע „פאַרצייכענונגען" הייבן זיך אָן אין גאַליציע און וואָלטן וואָרשיינלעך געווען פאַרגעזעצט געוואָרן אין אַמעריקע. שוין אין די ערשטע לידער רעדט זיך, אגב, וועגן אַמעריקע, ווייל דער פאָטער פון דעם העלד לעבט דאָרט.

צווישן די לידער, וואָס שטעלן צונויף דעם ניט־פאַרענדיקטן „טאָג־בוך", זיינען פאַראַן אַ צאָל, וואָס זיינען ניט נאָר צווישן דעם בעסטן, וואָס שטאָלצענבערג האָט אָנגעשריבן, נאָר בפירוש צווישן דעם בעסטן אין דער גאַנצער אַמעריקאַנער אידישער פּאָעזיע. קודם כל איז יעדער ליד פּאָעטיש־אינטענסיוו און מאַכט אַ שטאַרקן עמאָציאָנעלן און קינסטלערישן איינדרוק. עס ווילט זיך נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל לייענען און פאַרלייענען די לידער.

די מאָלערישקייט פון די לידער, די רעאַליסטישע בילדלעכקייט, די דראַמאַטישע שאַרפקייט פון דעם דעטאַל זיינען פון אַ היבש הויכער קינסטלערישער מדרגה. אָט זיינען למשל אַכט שורות, וואָס שילדערן די פּאַרכטיקע און געשפּאַנטע שטימונג אין אַ שטעטל פאַר כל־נדרי:

גרויסע ליכט אין שטיבער אָנגעצונדן,
פאַרהאַקט די טירן אויף שלעסער און אויף שטאַנגען.
אַ ליידיקייט ווי אַלע מענטשן וואָלטן פון דער שטאָט פאַרשוואונדן,
דער שטאָט־משוגענער איז אין מיטן שטראָז אַרומגעגאַנגען.

די ביימער האָבן זייער רוישן איינגעהאַלטן,
אין טונקעלער שטילקייט האָב איך געקאָנט גאָט'ס אָטעם פילן.
אַ רגע נאָך — און ס'וועט אַ רעש די שטילקייט שפּאַלטן —
כל־נדרי הילכט אין אַלע שולן.

און אָט איז אַ ליד וואָס שילדערט אַ מאָמענט אין לעבן פון דעם יונגן העלד, נאָך דעם ווי זיין פאָטער איז אַוועק קיין אַמעריקע:

מיין האַרץ איז פול געוויין און ס'וויינט דער דרויסן מיט,
די ביימער זיינען אָנגעזאַפּט מיט טרערן.
די וועגן ווייקן, פון שויבן לאָזט דער קיט,
ס'טריפט דער פּאַמעשאַף, די ריוועס יערן.

עירוב־דראָטן ציטערן אין ווינט,
די הון באַם פוס פון בעט פאַלט איין אין דרימל,
פליגן שלאָפן אויף די ווענט, אַ שפּין אַ רעדל שפּינט,
באַם פעסל וואַסער גרינט אַ טוכלער הויך פון שימל.

די מאַמע שטריקט אַ זאָק, און ס'פאַלט פון האַנט די דראָט.
זי רעדט און בעט און הערט נישט אויף צו בעטן.
פאַר צו מיין ברודער אין דער גרויסער שטאָט,
ווי לאַנג וועסטו די היגע בלאָטעס קנעטן.

איך קוק אַרויס. — מיין האַרץ איז פול געוויין,
די קוקורוזע־שטעקלעך ליגן אָפּגעבראָכן,
און ס׳שפּרייטן ברייט זיך נאַסע בלעטער כריין.
אַ הינטל שלעפּט זיך נע־ווּנד און אָפּגעקראָכן.

דאָס איז אַ מוסטערהאַפטע ליד, כ׳מיין באַזונדערס אין פּרט פון דעם, ווי די רעאַליסטישע, כמעט אָביעקטיווע, שילדערונג גייט דאָ האַנט אין האַנט מיט אינטענסיוון שטימונגפולן און געפילפולן ליריזם.

אויך שטאַלצענבערג׳ס שפּראַכלעכע אידיאָמאַטישקייט, דער לעבעדיקער שמועס־אַרטיקער טאָן פון ליד איז אין „טאָג־בוך״ דערפירט געוואָרן צו אַ הויכער מדרגה, ווי מען קאָן דאָס זען אין די לידער „אַ בריוו פון דער מאַמען״ (ז. 132) און „אַ מאַמע קלאָגט״ (ז. 138), וואו אַ מאַמע גיסט אויס איר ביטער האַרץ, ממש אין דעם לשון פון דער תחינה, אָדער אין דעם ליד „דער משוגע־נער יאַיר, מיט (יאַיר׳ס) תוכחה אויף דער שטאָט און זיין דראַמאַטישן זאָג: „איך בין ניט משוגע פון מיינטוועגן, איך בין משוגע פאַר דער גאַנצער שטאָט״.

אין דעם „טאָג־בוך״ זיינען אויך פאַראַן הומאָריסטישע און סאַטירישע לידער. אַ נייגונג צו סאַטיריש־הומאָריסטישע שילדערונגען האָט שטאַלצענ־בערג נאָך אַרויסגעוויזן אין זיינע ערשטע לידער ווי „אַז קיין גלינע קומט אַראָפּ אַן אַלטער קאַוואַליר״ (ז. 29) און „בלאָנדע מיידלעך״ (ז. 75). ספּעציעל געלונגען אין דעם פּרט איז אין „טאָג־בוך״ דאָס ליד „ערשטער מאַי, 1908״, וועגן דעם העלד׳ס פעטער און מומע, וואָס לאָזן זיך אַרויס אין דעם טאָג פון אַרבעטער־פּאַראַדן אַ „ביסל תענוג כאַפּן״ — דער פעטער „אין אַ קאַפּעליוש פון דער פּוילישער היסטאָריע, האַלב פלוש, האַלב טוך, מיט שפּיצן און מיט קראַפּן״, און די מומע „מיט אַ פּנימ׳ל ווי אַ פלעקל פראַנקס ציקאָריע״.

פון גאָר אַ הויכן ווערט איז דאָס ליד „חלום כנען״, וואָס איז וואַרשיינ־לעך דאָס לעצטע ליד, וואָס שטאַלצענבערג האָט אָנגעשריבן. יעדנפאַלס איז עס דאָס לעצטע ליד וואָס ער האָט פאַר מיר געלייענט.

אין דעם ליד זיינען פאַראַן אַלע זיינע מעלות. עס איז אין דעם ליד פאַראַן זיין תמימות, ניט ווי אַן איינגעבוירענע פּסיכישע קאַטעגאָריע, נאָר ווי אַ קינסטלערישער עלעמענט. עס איז די תמימות ניט פון קיין תם, נאָר די קלאַסישע תמימות פון אַ פּאָעט. פאַראַן אויך אין דעם ליד שטאַלצענבערג׳ס קאָנען נעמען זאַכן פון לעבנס־שטייגער און זיי פאַרוואַנדלען אין פּאָעטישע און

דעקאָראַטיווע אימאַזשן, און באַזונדערס זיין עיקר־אייגנשאַפט — דאָס קאָנען מישן חלום מיט וואָר, ראָמאַנטיזם מיט רעאַליזם.

דאָס ליד פאַרמאָגט אויך אַ ביאָגראַפישן ווערט. כאָטש די לידער פון דעם „טאָג־בוך" זיינען בדרך כלל ניט קיין אויטאָביאָגראַפישע, איז אָבער אין זיי אַריינגעגאַנגען אַסך פון שטאָלצענבערג׳ס אייגענע דערפאַרונגען און איבער־לעבונגען. שילדערנדיק די ביאָגראַפיע פון דעם „שטרויענעם ריטער", האָט ער ניט נאָר איבערגעגעבן געוויסע עפּיזאָדן פון זיין אייגענעם לעבן, נאָר אויך עפּעס, וואָס האָט צו טאָן מיט זיין אייגענער אינערלעכער וועלט. און אַזאַ אור־קוואַליק ליד ווי „חלום כנען" גיט אונז אַן אַריינבליק אין דער אימאַזשעניטיווער וועלט פון שטאָלצענבערג׳ן גופא אַלס אינגל. עס ווייזט, אין עמבריאָ, די עיקר־אייגנשאַפטן פון זיין פאַרשטעלונג־קראַפט. מען זעט פון דעם ליד ווי אַזוי זאַכן פון דער נאָענטער וואָר פלעגן זיך אין זיין פאַנטאַזיע אויסמישן מיט מעשיות, וואָס ער האָט געהערט דערציילן, אָדער אַליין געלייענט. אַ דאַנק דעם פלעגט די וואָר קריגן אַ פאַנטאַסטישן מעשה׳דיקן אַספּעקט און, פאַרקערט, די וועלט פון מעשיות און לעגענדעס פלעגט וויזועל רעאַליזירט ווערן אין טערמינען פון דער נאָענטער וואָר. די דאָזיקע אייגנשאַפט איז דער סוד פון שטאָל־צענבערג׳ס ראָמאַנטישן רעאַליזם און רעאַליסטישן ראָמאַנטיזם, דער סוד פון זיינע באַלאַדעס און זיינע האַלב־לירישע און האַלב־עפּישע פראַגמענטן, וואָס זיינען אין תוך פאַר׳מעשה׳טע, אָדער פאַעטיזירטע וואָר:

וי אַזוי קאָן מען קומען אין לאַנד כנען? —
אין חלום איז לייכט אַהין צו קומען.
נישט קיין שרעק פאַרן טערק, נישט קיין שיף, נישט קיין באַן —
אַ שישקע פון ברויט און אַן עפּל גענומען.

אַריבערגעלאָפן דעם גאָרטן, אַריבערגעשפּאַנט אַ פעלד,
אַריבערגעקראָכן אַ פּלויט, אַריבערגעקלעטערט אַ מויער,
כ׳שטעל אויף דעם קאַלנער פון רעקל, פון ירדן ציט אַ קעלט,
כ׳זעץ זיך אַביסל אַנידער אויף אַ בערגל זאַמד ביי א טויער.

ס׳פאָרן דורך ישמעאלים און ציען מיר אָפּ דאָס קאַשקעטל.
איך לאָז זיך לויפן נאָך זיי און פאַל אַריין אין אַ קעלער.
פלעשער מיט סאָרפּ אויף דער ערד, יוסף אין אַ הילצערן בעטל,
צוויי שלאַנגען שפּילן אויף צימבל, אויפן פידל אַ בעטלער אַ געלער.

וי אין חלום שווינדלט דער קעלער, צוויי זעגן שטייען און זעגן,
אין מדבר נישט ווייט פון בית אל, איבער אַ קופּע מיט שטיינער.
אין דרויסן זיצט מוטער רחל — זי זעט מיך און גייט מיר אַקעגן,
ס׳בלענדט אויף איר קאָפּ די פאַטשיילע, ס׳בלאַנקט דער פאַרטוך דער ריינער.

זי קאַכט אַפּ הירזש מיט האָניק, זי גיט מיר מעד צו טרינקען,
זי בענטשט מיך פאַרן אַוועקגיין און גיט מיר אויף קאַרשן צו קויפן.
ס׳לאָזט זיך אַ שאַרפער האָגל, די שיך אין ליים אַריין זינקען,
ווער ווייסט צי כ׳וועל מיטן לעבן פון דאַנען קענען אַנטלויפן.

ווי שאָטנס גייען מרגלים מיט הענגלעך טרויבן אויף שטאַנגען.
מיין האַרץ בויערט דורך אַ געבריל, די האָר שטעלן זיך קאַפּויער.
ס׳לאַכט מיר אין פּנים אַ לייב, — ער מעסט מיטן קנאַפּ צו דערלאַנגען...
איך דרימל מיט אָפענע אויגן אויף אַ בערגל זאַמד ביי אַ טויער.

ס׳פליען פייגל אַהיים, ס׳הייבט זיך שוין אָן דער זומער.
איך לאָז זיך לויפן נאָך זיי, זיי ווייזן דעם וועג מיר פון אויבן.
אין שטאָט נעבן באָקל זיצט שוין דער בעטלער דער קרומער.
ס׳פלאַטערן טויבן אויף דעכער, די זון האָט פאַרגאָסן די שויבן.

סיי אין פּרט פון טאַנאַלער פאַרשיידנאַרטיקייט, סיי אין פּרט פון בילד־לעכער פאַרשיידנאַרטיקייט און אַנגעזעטיקטקייט, האָט זיך שטאָלצענבערג דער־הויבן אין דעם ליד צו אמת׳ער מייסטערשאַפט, צו פולשטענדיקער קאָאָרדיני־רונג פון אויג און אויער, צו פולשטענדיקער באַהערשונג און אויסנוצונג פון זיין טאַלאַנט און פּאָעטישע מיטלען. נאָך אַזאַ אויפטו און דערגרייכונג וואָלט דער וועג געוואָרן פיל פרייער פאַר ווייטערדיקע און העכערע עטאַפּן אין דער אַנטוויקלונג פון זיין ליד און טאַלאַנט. עס איז אַ ליד וואָס וויפל מען זאָל עס ניט לייענען, פאַרפעלט עס ניט צו פאַרשאַפן אַן אינטענסיוון קינסטלערישן גענוס. עס פאַרמאָגט אין זיך חכמה און תמימות, שפּיל און ערנסט, טייטש־חומש און די מאָלערישקייט פון דעם „פרימיטיוון״ פראַנצויזישן מאָלער אנרי רוסאָ ווי אויך דאָס קאָנען מאָלן חלום אויף דער וואָר און וואָר אין חלום, וואָס מען טרעפט אין די לידער פון דעם ענגלישן פּאָעט און מאָלער וויליאַם בלעיק.

די באַדייטונג פון דעם „טאָג־בוך״ פון שטרויענעם ריטער״ ליגט אָבער ניט נאָר אין דעם קינסטלערישן און פּאָעטישן ווערט פון באַזונדערע לידער. דער „טאָג־בוך״ איז באַזונדערס וויכטיק דערמיט, וואָס דורך אים האָט שטאָל־צענבערג ענדלעך אויף אַן אמת׳ן אָנגעהויבן צו רעאַליזירן זיין חלום אָנצו־שרייבן אַ גאַנץ און איינהייטלעך ווערק. אין דעם „טאָג־בוך״ האָט ער ענדלעך געפונען די פאָרם און די מיטלען ווי אַזוי אויסצומאָלן זיין צענטראַל־געשטאַלט, דעם „שטרויענעם ריטער״ אין זיין „גאַנצער גרויס״.

וואָלט שטאָלצענבערג געוווען דעם „טאָג־בוך״ פאַרענדיקט, וואָלט ער אים געוווען דערפירט, ווי ער האָט בדעה געהאַט, ביז צו אונזערע טעג, וואָלט זיך געוווען באַקומען אַ ווערק, וואָס וואָלט דורך איינצלנע לירישע לידער געוווען

געגעבן אַ גאַנצע און פֿאַרשיידנאַרטיקע פּאַנאָראַמע פֿון לעבן אין גאַליציִשן שטעטל; געווען געגעבן די אינעווייניקסטע און דרויסנדיקסטע ביאָגראַפֿיע, די קאָמעדיעס און טראַגעדיעס פֿון די „שטרויענע ריטער" פֿון אונזער צייט — די „ריטער" וואָס האָבן זיך אַוועקגעלאָזט „מיטן שטעקעלע אין דער וועלט", זיינען אין „ברין געווען, אין ברעסלאו געווען, אין אָלמיץ געווען און גאָרנישט געזען" און זיינען אויסגעשעפּטע און אַנטוישטע „געקומען צוריק שטאַרבן אויף דער אייגענער ערד". דער „שטרויענער ריטער" וואָלט אפשר געווען געוואָרן דער מנחם מנדל פֿון אונזער צייט, דער מנחם מענדל ניט פֿון האַנדל, נאָר פֿון גייסטיקן און אידעאָלאָגישן וואַנדל.

ס'איז אָבער שטאָלצענבערג'ן ניט געווען באַשערט הפּנים אָנצושרייבן אַ פֿאַרענדיקט ווערק. פֿריער האָט אים אין דעם געשטערט זיין אומרייפֿקייט, זיין נאָך ניט קענען באַנעמען אַ טעמע אין אַלע אירע אידייאישע און סאָציאַלע אימפּליקאַציעס. עס האָט אים אויך געשטערט זיין ניט קאָנען זיך אָפּרוקן פֿון אַ טעמע, ספּעציעל ווען זי האָט געהאַט צו טאָן מיט נאָענטער ווירקלעכ־קייט און סביבה, און זי דערזען פֿון דער געהעריקער דיסטאַנץ און אין דער געהעריקער פּערספּעקטיוו. ער האָט זיך די ערשטע צייט צופֿיל נאָכגעגעבן דעם חשק צו פּראָסטקייט, צו לאָקאַליזמען, צופֿיל קולטיווירט דעם שאינו יודע לשאול. ער האָט אָפֿט צוליב די דעטאַלן ניט געזען דאָס גאַנצע. ער פֿלעגט מיינען, אַז ווען אים געלינגט אַרויסצוברענגען עפּעס אַ כאַראַקטע־ריסטישן שטריך פֿון שטעטל, אָדער אַ בליץ טאָן מיט אַ געשמאַקן לאָקאַלן אידיאָם, האָט ער שוין אַלץ דערגרייכט. די אַלע זאַכן האָבן אים לאַנג גע־שטערט צו באַפֿרייען אַ טעמע פֿון איר שטאָף־צושטאַנד און זי פֿאַרוואַנדלען אין אַ פֿאַרענדיקט קונסט־ווערק.

ווען ער האָט שוין אָבער אָנגעהויבן ביַיצוקומען די מניעות, האָט זיך דער טויט אַריינגעמישט...

אין דעם סאַמע פּראָדוקטיווסטן פּעריאָד פֿון זיין שאַפֿן, אין דער צייט ווען ער האָט נאָך עטלעכע יאָר שווייגן זיך אַזוי שעפֿעריש צעבליט, איז אים באַפֿאַלן די פֿאַטאַלע קראַנקהייט.

אַ וואָך זעקס נאָך דעם ווי מען האָט אים צוגענומען אין דעם ברוקלינער שטאָט־שפּיטאָל, וואו מען האָט פֿון אים בוכשטעבלעך געשניטן פּאַסן לעבע־

דיקערהייט, איז ער אויסגעגאַנגען אויף דעם אָרעמאַנסקן אייזערנעם בעטל אין דער עלטער פון 35 יאָר, אָבער מיט אַ פּנים פון אַן 80־יאָריקן זקן.

ביז דעם לעצטן מאָל, וואָס איך האָב אים געזען, און דאָס האָט געמוזט זיין אַ טאָג אָדער צוויי טעג פאַר זיין טויט, ווען ער האָט אויף אַ פראַגע וועמען מען זאָל איבערגעבן דעם פּאַרקויף פון זיין בוך, מיך אָנגעקוקט מיט אויס־געלאָשענע אויגן און אַרויסגעשעפּטשעט אויף ענגליש „איי דאָנט קעיר" און זיך אומגעקערט צו דער וואַנט. ווי איינער וואָס האָט שוין אַלע זיינע חשבונות פאַרענדיקט מיט דער וועלט — ביז צו יענעם טאָג האָט ער געגלויבט, אָדער אַנדערע געוואָלט מאַכן גלויבן, אַז ער וועט צוריק געזונט ווערן.

ער האָט מיך איינמאָל בעת אַ באַזוך ביי אים אויפגענומען מיט דער „פריילעכער בשורה", אַז די דאָקטוירים האָבן באַשלאָסן אים צו מאַכן נאָך אַן אָפּעראַציע, און אַז נאָך דער אָפּעראַציע וועל איך אים געבן אַביסל פון מיין „געזינטן ריסישן בליט און העשעלעס פון זיין גיטן גאַליציאַנער בליט" און ער וועט באַלד געזונט ווערן.

אַ צווייט מאָל האָט ער מיך אויפגענומען מיט דער בשורה, אַז זיינע על־טערן ווילן אים שיקן קיין אַריזאָנאַ, נאָך דעם ווי ער וועט אַרויס פון שפּיטאָל, און אַז פון דאָרטן וועט ער צוריקקומען אַ געזונטער, אַן אויסגערוטער און מען וועט נעמען קערן וועלטן...

און ווען ער האָט אַזוי גערעדט צו מיר — מיט זיין געוויינלעכער אַביסל דעמאָנסטראַטיווער אויפגעלייגטקייט און געמאַכטער אינגלשער זאָרגלאָזי־קייט, וואָס אונטער זיי האָט ער אפילו פאַר די נאָענטסטע מענטשן באַהאַלטן זיין אמת'דיקן געפיל־צושטאַנד — פלעגן מיר קומען אויפן זינען די ווער־טער פון זיין ליד דער „איינזאַמער מאַן":

איצט ווען עס קומט דער טויט אַנטקעגן,
אָ, ווי איך וויל לעבן נאָך !
טראָגן קייטן, טרעטן מיט שווערע טריט אויף דער ערד,
וואַקסן ווי לבנה־קערלעך צו דער זון־געקערט,
פילן די ווייכקייט פון ערשטן שניי, פון האַרבסט דעם וויאַנענדיקן דופט,
שניידן דאָס וואַסער, שניידן די לופט.